STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06105

# TEG UN LEBN

Shaye Budin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# טעג און לעבן

ש. בודין

# טעג און לעבן

איקוף פארלאג
ניו־יאָרק

דאָס בוך איז צוזאַמענגעשטעלט און צוגעגרייט צום דרוק דורך
יעקב מעסטל

SH. BUDIN

# TEG UN LEBN

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.
1955

266

Printed in U.S.A. by
Aber Press, 37 East 18th St., New York, N. Y.

RAPHAEL
SOYER
N.Y. 1954

## צוויי באַמערקונגען

די אייגענע און פרעמדע,
געלעבט אין מיינע טעג און יאָרן
און וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן
פון די נאַצי־מערדער, —
ווידמע איך מיין בוך.

די דיכטער און פריינט
ל. מילער, א. קורץ, נ. מייזיל
י. מעסטל און מיין פרוי עטל
וויל איך האַרציק דאַנקען פאַר באַשאַפן
די אַטמאָספערע און העלפן קלייבן און
אויסקלייבן די לידער, וואָס זיינען אַריין
אין דעם בוך.

ש. ב.

# א י נ ה אַ ל ט

## אַלטע היים

אַז פרילינג איז ביי אונדז געווען ........ 13
פרייד אין אונדזערע אויגן ........ 14
וואָס עס איז ניטאָ ........ 15
אַ שטאָט צו אַ שטאָט איז ניט גלייך ........ 18
תקיעת־כף ........ 20
וואָס עס איז געווען ........ 23
מיין מאַמע האָט געבעטן ........ 26
עס קלויבן זיך ........ 29
עס זינגט מיין היים צו מיר ........ 31

## ליריק

אַנטקעגן אייך ........ 35
גרינע טויבן ........ 36
ס'זינגען די טעג ........ 37
באַרג־פרייד ........ 38
אָט אַזוינע טעג ........ 41
לבנה־סערענאַדן ........ 43
אונטער אַ רעגן ........ 46
ווייסע נעכט ........ 47

מיט שיינקייט ........ 48
צו מיין ליבער ........ 49
אַ ליד פאַר מיר אַליין ........ 50
זאָל אונדזער לעבן לעבן ........ 51
געגאַרטער זומער ........ 53
אין די בערג ........ 55
בריוו צו מיין פרוי ........ 59
לעצטער טאָג פון יאָר ........ 63

## פּייסאַזשן

האַרבסט אויף קייפּ־קאָד ........ 69
אין אַ ווינקל פון דער וועלט ........ 71
אין אַ ים פון בערג און טאָלן ........ 72
פרילינג־אויפקום ........ 74
אבענער בלאַנשאַרד ........ 75
האַרבסט אויף ביימער ........ 76
ווינטער־מאָטיוון ........ 77
די זון רוט אין טאָל ........ 80
לידער פון מיינע טעג ........ 81
לידער פון מענטש און טעג ........ 84
דאָס אינדזל נאַנטאַקעט ........ 88
אַ זיי געזונט ........ 89

## סאָציאַלע לידער

איך בין דער מענטש ........ 93
אין טאָג פון יונגן פרילינג ........ 97
זון אין הימל, שיק מיר צו אַ בריוול ........ 100
לידער פון מיין לעבן ........ 102
אַ ליד צו מיינע הענט ........ 105

איך שווער זיך ביי דער ליכטיקער זון ............ 106
זי רייסט, די שעה ............ 108
אַן וואונדער ............ 110
עס רעדט דער ייד ............ 112
מיר ווענן לעבן ............ 115

## אין געראַנגל

ליב וואָלט מיר זיין ............ 121
אונדזער גוטע ערד ............ 122
איך זינג פאַר יידישע יונגען ............ 124
בריוו פון רויטאַרמייער
וויפיל איך בין אַלט
איצט גיב איך מיין לאַנד
ניט געטראַכט
דאָס האַרץ פון מיין לאַנד
טראָג מיך, שטאָלענער פויגל ............ 126

## אַמעריקע

יאָרן, מיינע יאָרן! ............ 135
ווייסטו ווער איך בין ............ 138
אַמעריקע — אַ טראַגעדיע ............ 142
זעגל־שיפן ............ 147
מיין מזל ............ 149
ווילי־מעגי ............ 150
ביי דזשעפערסאָנס קבר אין מאָנטיטשעלאָ ............ 151
ווען מען רעדט וועגן אַמעריקע ............ 152
אַמעריקע ............ 154
מערי אנדריוס ............ 160
ראַקפּאָרט קעיפּ־אַן ............ 163

פרילינג־טעג ........ 165
דאָס אינדזל נאַנטאָקעט ........ 169
פון קאַראַסטישעוו ביז אַמעריקע ........ 172
ניו־העמשיר נאָוועלע ........ 175
דיין דאַנקבאַרער טאָג ........ 179
1952 — 1776 ........ 182
טאָמאַס דזשעפערסאָן ........ 186

# אַלטע הײם

# אַז פרילינג איז ביי אונדז געווען

אזוי פיל טעג, אזוי פיל טעג,
אזוי פיל שיינע הימלען,
אומגעגאַנגען זיינען מיר אויף אונדזער ערד,
פאַרזייט מיר האָבן ברויט און אָנגעקליבן —
פריידן.

אזוי פיל טעג, אזוי פיל טעג,
אזוי פיל אויסגעקיילעכדיקטע זונען, —
אומגעגאַנגען זיינען מיר אויף אונדזער ערד,
אָפּגעהיט די שאָף, די פערד,
און געהערט, ווי פויגלען זינגען.

אזוי פיל טעג, אזוי פיל טעג,
אזוי פיל אויסגעוואַרעמטע פאַרלאַנגען,
אומגעגאַנגען זיינען מיר אויף אונדזער ערד,
אויסגעצערטלט יעדע גראָז און בוים,
געאָטעמט מיטן אויפגאַנג פון די זאַנגען.

אזוי פיל טעג, אזוי פיל טעג,
אזוי פיל היימלעכע, געטרייע,
אומגעגאַנגען זיינען מיר אויף אונדזער ערד
מיט ליבע אין אונדזערע טריט,
און הערצער פרייע.

# פרייד אין אונדזערע אויגן

נעכטיקע טעג און נעכטיקע פריידן, —
זיי שטייען ביי אונדז אין די אויגן,
הענגען ווי שפּיגלען אויף ווענט,
ליב און געטריי צו אונדזער האַרץ זיי ריידן;

נעכטיקע טעג און נעכטיקע פריידן, —
זיי שפּילן אין אונדז, ווי ווייַן אין פעסער פאַרשלאָגן,
זיי בליען אין אונדז, ווי גרינע בלעטער אויף ביימער,
ליב און געטריי צו אונדזער האַרץ זיי ריידן;

נעכטיקע טעג און נעכטיקע פריידן, —
זיי זינגען ווי די פויגלען, וואָס פליען פריי
און אָן זאָרגן,
זיי זיינען ווי די הימלען, וואָס צעלויכטערן זיך
פאַר אַ נייעם מאָרגן,
ליב און געטריי צו אונדזער האַרץ זיי ריידן;

נעכטיקע טעג און נעכטיקע פריידן, —
זיי שטייען ביי אונדז אין די אויגן,
ליב און געטריי צו אונדזער האַרץ זיי ריידן —
פון מאָרגנדיקע טעג,
פון מאָרגנדיקע פריידן.

# וואָס עס איז ניטאָ

(באַלאַדע)

אויף ים און אויף וואַסער, אויף נאַכט
און אויף שטילקייט גייט איצט אַרום די לבנה,
זוכט אין דער טיפקייט, וועקט־אויף די געמיטקייט
און מאָנט דאָס הארץ אויף ביי מיר.
מאָנט אויף מיין הארץ און לאַכט מיר אריין אין די אויגן:
מענטשעלע, וואָס שפּילסטו זיך מיט מיר?
אָט איז דער הימל, דער הימל איז דאָ.
אָט איז דער ים, דער ים איז דאָ.
אָט איז די ערד, די ערד איז דאָ.
און וואָס איז ניטאָ?

דער אַלטער מאַן מיט דער גראָער באָרד,
דאָס קינד אין וויקל־שנור,
דאָס מיידל אין יונגן בלי,
דער נאָמען פון אַ משפּחה־צווייג,
דער אויפקום אין אַ מאַמעס לייב,
דער זיסער טעם פון ווייבס ליפּ,
דער באַבעס ווייך־סאַמעטענער אויגן־גלי.
אָט־אָ־דאָס, וואָס עס איז ניטאָ!

דער הימל איז דאָ,
דער ים איז דאָ,
די ערד איז דאָ, —
און וואָס איז ניטאָ?

דער קול פון יידנס מויל,
דער געלעכטער פון אַ געליבט פּאָר,
דער שיינער אויסרוף פון איך בין דאָ,
דאָס גוטע געפיל פון ערלעכער מי,
די אויסגעשטרעקטע האַנט, אַ גאַסט צו באַגריסן,
די ליבשאַפט, אָנגעגרייט זיך אויסצונוצן,
די שטילע פרייד, פון צוצוטראָגן אַ הונגעריקן אַ ביסן.
אָט-אָ-דאָס, וואָס עס איז ניטאָ!

דער הימל איז דאָ,
דער ים איז דאָ,
די ערד איז דאָ, —
און וואָס איז ניטאָ?

אַ זיידע, וואָס האָט אַרומגעטראָגן אויפן פּנים זיין יחוס,
אַ פעטער, וואָס האָט זיך אויסגעלעבט אין די געבאָטן פון לוחות,
אַ טאַטע, וואָס האָט געלערנט „עין יעקב" און אַרומגעפאָרן אויף יאַרידן,
אַ מאַמע, וואָס האָט געזונגען „גאָט פון אברהם"
און אויסגעבאַקן קוילעטשן, טאָרטן און פלאָדן.
אָט-אָ-דאָס, וואָס עס איז ניטאָ!

דער הימל איז דאָ,
דער ים איז דאָ,
די ערד איז דאָ, —
און וואָס איז ניטאָ?

דאָס אויסגעציכטיקטע שטיבל,
דער קומענקערער ר' יידל,
דאָס אויפגעראַמטע יידיש געסל,
דער וואַסער-פירער מיט זיין פערד און פעסל,
דאָס שוסטער-קלייזל מיט די יאָרציַיטן-הוליאַנקעס,
די שניידער-קלויז מיט די אָנגעהייצטע ליזשאַנקעס,
אָט-אָ-דאָס, וואָס עס איז ניטאָ!

דער הימל איז דאָ,
דער ים איז דאָ,
די ערד איז דאָ, —
און וואָס איז ניטאָ?

די קהלשע שול און דער חופה־הויף,
די כלה און דער חתן,
חתנס צד און כלהס צד,
און שימעלע דער בדחן.
די יאַטקע־גאַס, דער קצב מיט פאַרשלאָפענע אויגן,
די קוישן ברויט, די זעק מיט אוגערקעס און קרויט,
די פורן, פול מיט עפל, באַרן און וויינטרויבן.
אָט־אָ־דאָס, וואָס עס איז ניטאָ!

דער הימל איז דאָ,
דער ים איז דאָ,
די ערד איז דאָ, —
און וואָס איז ניטאָ?

דאָס היימישע בריוול, דאָס באַליבטע לידל:
זיי מיר געגריסט, זיי מיר באַגליקט,
זיי מיר געזונט און לאָז פון זיך הערן —
אָט־דאָס איז ניטאָ, אָט־דאָס איז ניטאָ...

## אַ שטאָט צו אַ שטאָט איז ניט גלייך

פאַרגלייכן אַ שטאָט צו אַ שטאָט איז אַ קינדערשע זאַך.
איין שטאָט האָט אַ וואַלד, און איין שטאָט האָט אַ טייך,
איין שטאָט שטייט אויף וועגן און לעבט ביי אַ ברייטן שליאַך,
איין שטאָט שטייט אין טאָל און איז איינגעדעקט מיט אַ
שטרויענעם דאַך, —
מיין שטאָט איז ליב און אייגן און זייער טייער ביי מיר.
פון ערשטן טאָג, ווען עס האָט מיין מאַמע מיך געבוירן,
געוואַקסן איז מיט מיר דער דרויסן ביי דער טיר,
די שטערן אין הימל אָן אַ שיעור.
די זומערן מיט דונערן און בליצן, די ווינטערן —
מיט פראָסט אויף פענצטער אין געקריצן.
דער מאַך אויף שטיין, דער צוויט אויף בוים,
דאָס וואַסער אין דעם ברונעם, און די בלאָטעס אויף דער גאַס.
די האָפּן אויף די שטאַנגען, דאָס קאָרן אין די זאַנגען,
די פיש אין טייך, און די בירקעס ביי דעם שליאַך.
דער מאָן אין קיילעכדיקן בייטל,
די פשעניטשקעס אין זיידענעם שייטל,
די יאָדערן אין גאָלדענע רייזן,
און די כל נדרי־באַרלעך אויף טרוקענע צווייגן.
דער טעטערעוו אין זאַמדיקע ברעגן,
דער וואַלד מיט געהיימע וועגן,
די שישקעס אויף די סאָסנעס,
און די יאַגעדעס אין די גראָזן.
דער האָניק אין די בינען, פרוכט פון אַלע מינים,
מילך אין בהמהשע אייטערס און קראָפּעווע ביי די פּלויטן.

דער באסקאטש, געצויגן ביזן הימל,
די סקאַלאַ מאַריאַ אין שטיינערנעם דרימל,
די טאַשע אין קילע שאָטנס,
דער קאָלווראָט מיט שטעכעלקעס און פּרוטיעס.
דער גויאישער צווינטער און דאָס יידישע הייליקע אָרט,
אָט־אָ־דאָס איז מיין שטאָט, אויסגעוואַקסן בין איך דאָרט.

## תקיעת־כף

מיר איז נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען
אייך צו דערציילן
פון קינדערישע יאָרן, פון שטעטל אין בלאָטעס,
פון יידישן יינגל, פון אַלטע גמרות,
פון משה רבנו, פון לעגינס בראָשורעס,
פון ליכטיקע טעג אויפגעוואַכטע,
פון זונען אין אויגן,
פון ליבע אין האַרצן.

מיר איז נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען
אייך צו דערציילן,
ווי לייבל דעם חזנס, יחיאל דעם באַגרעבערס,
מלך דעם סטעלמאַכס און איך מיט זיי אינדערמיט, —
ווי מיר האָבן מיט העק און מיט מעסערס,
מיט ביקס און מיט פלעקער
געשלאָגן זיך מיט די שונאים פון אונדזער גליק.

ווי די ווינטן האָבן געביסן אונדזערע וואונדן,
ווי די ערד האָט איינגעזאַפּט אונדזער בלוט,
ווי טייער, ווי אייגן, ווי שווער עס איז געווען
אויפצונעמען צעבראָכענע שטיקלעך,
אויסצוזוכן צעפאַלענע ברעטלעך,
גראָבן ליים פון די גריבער
און שלעפן זאַמד פון ברעג טייך.

מיר איז נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען
אייך צו דערציילן,
ווי שרהקע דעם רבינס, ברכה דעם טאַנדעטניקס,
מלכה דעם בעדערס און איך מיט זיי אינדערמיט,
ווי מיר האָבן קינדער פון די וועגן געקליבן,
די סטרופּעס און לייז פון זייערע לייבער אַראָפּגעריבן,
ווי מיר האָבן פאַר זיי אַ היים אויפגעשטעלט,
אָפּגעהיט זיי פון שלאַפקייט,
און אויסגעבאַהאַלטן זיי פון קעלט.
ווי מיר האָבן פון זיי אינזשענערן, טראַקטאָריסטן,
לערער און פּאָעטן —
אונדזער לאַנד מתנות צוגעשטעלט.

מיר איז נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען
אייך צו דערציילן,
ווי מיטיאַ דעם שינדערס, וואַניאַ דעם מילנערס,
טראָכים דעם הינט-כאַפּערס
און איך מיט זיי אינדערמיט, —
ווי מיר האָבן אויפרופן אויף ווענט אויפגעשריבן,
תקיעת-כּף זיך געגעבן,
אַז בייז בלוט זאָל ניט געוועלטיקן
אין אונדזער שטאָט.

ווי פּיעדקע דעם ליים-פירערס, סטעפּאַן דעם פּאַסטעכס,
טימאָשקע דעם באָד-הייצערס
און איך מיט זיי אינדערמיט, —
ווי מיר האָבן פון שטעטלשער יוגנט בריגאַדעס געשלאָסן,
מיט זיי געקנעלט,
מוט און פרייד אין זייער לעבן אַנגעגאָסן.

מיר איז נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען
אייך צו דערציילן,
ווי אהרן דער קאַוואַל, משה דער שניידער,
אַלטער דער סטאָלער, קלמן דער גאַרבער,
און איך מיט זיי אינדערמיט, —
ווי מיר האָבן שטיבער געבויט, בריקן געקאָוועט,
און לעדער געמאַכט פאַר טויזנטער פאָר שיך.
ווי מיר האָבן פון שטעטל אַ שטאָט אויסגעפורעמט,
מיט גערטנער, מיט בלומען, מיט געפלאַסטערטע גאַסן
און אַן עלעקטרישע פאַבריק.

און ווי מאָטיע דער שענקער, אבא דער מעקלער,
שלמה דער באַלעגאָלע
און איך מיט זיי אינדערמיט, —
ווי מיר האָבן די וואַסערן פון טייך אויפגעהויבן,
פון סאָסנאָוון וואַלד טערפּעטין און סמאָלע געצויגן,
ווי מיר האָבן פון „סקאַלאַ מאַריאַ" שטיינער געשניטן,
געריייניקט און געשליפן די וואונדער-קאָלירנדיקע פּליטן,
מאָנומענטן און פּאַלאַצן איבער אונדזער לאַנד —
פון זיי אויפגעשטעלט.

מיר איז נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען
אייך צו דערציילן,
ווי אונדזער שטעטעלע האָט זיך
צעווייעט און צעוויכערט,
האָט זיך צעלעבט און פאַרגיכערט,
ווי אַזוי דער הימל איז געהאַנגען אַ ליכטיקער, אַ קלאָרער,
ווי די ערד האָט אונדז געגעבן אונדזער ברויט,
ווי די מי האָט אונדז געגעבן אונדזער קלייד,
ווי די זיכערקייט האָט אונדז געגעבן פרייד.

## וואָס עס איז געווען

גוט געווען איז מיר אַזויפיל יאָרן,
זען די זון אויפן הימל, זען דאָס גרינע בלאַט אויף בוים.
גוט געווען איז מיר אַזויפיל יאָרן,
קלערן פון מיין שטעטעלע, פון מיין קינדערשער היים.
גוט געווען איז מיר מיט פריינט זיך אויסצוריידן,
גוט געווען איז מיר פרעמדע צו דערציילן —
פון די גאַסן, פון די וועגן, פון די מאַרקטעג, פון יאַרידן.
פון יידן מיט צעקעמטע בערד,
פון יידן מבינים אויף אָקסן און פערד.
פון גוטן־יידן ר׳ מאָטעלע טווערסקי,
פון זיין קעניגרייך און פון זיין משפחה,
פון חסידים נגידים אין פליושענע היטלען,
פון חסידים למדנים אין זיידענע קיטלען.
פון לוריעס דריי־גאָרנדיק הויז,
אַרומגערינגלט מיט פלויט און מיסטעריע,
פון זיין זון, דעם פּערוויגילדיע־קופּעץ,
וואָס וואוינט אין הויפּט־שטאָט פון דער אימפּעריע.
פון דאָקטאָר ביאַליק, וואָס רעדט רוסיש
צו ווייבער און צו קינדער
און פאַרגעסט אויפצומאָנען זיין טרחה־געלט
ביי קראַנקע, וואָס ער היילט ווי אויף וואונדער.
פון יאָסל דעם שניידער מיט פּאַריזער מאָדעס,
וואָס האָט באַקליידט די ווייבער פון פריצים,
כלות און טעכטער פון מיליטערישע בלאַגאָראָדיעס.

פון גרשון דעם שניט־קרעמער מיט אַ באָרד אַ פאַרדאַכטער,
פון משה־לייב פּיוטים, וואָס האָט געהייסן דער קייסער,
פון שוסטער־, סטאָלער־, בעקער־יונגען,
וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ ווייסער.
פון לאָזער דעם קאָוואַל, וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך
געברענט ווי פייער,
געקריגט זיך מיט שכנים, געשלאָגן זיך מיט גויים,
און שבת געקומען אין שול אַריין אַ מילדער, אַ נייער.
פון נחום שאַיעס, מיין פעטער,
אַ הויכער, אַ באַנומענער, אַ שיינער,
אַ באַלעבאָס פון צוויי הייזער, צען קינדער
און אַ ווייבעלע אַ קליינער.
פון עבדיה מיט די האָלצערנע פּאות, דער דרדקי־מלמד,
מיט זיין הילצערן טייטל, מיט זיין לעדערנעם קאַנטשיק,
פון זיין קנעלן און שטאָפּן אין קינדערשע אויגן
קמץ אַלף־אָ, קמץ דלד־דאָ;
פון זיין ווייב שרה־איטע,
פון זיין באַהעלפער, אַ געלער יונגערמאַנטשיק.
פון שמואליק דעם טרעגער, אַ האַלב־משוגענער
און אַ האַלב־פאַרשטעלטער;
אַ גרויסער ליץ, אַ גרויסער עזות־פּנים
און אַ מערקווירדיקער שעלטער.
פון יונגען און מוידן, וואָס זיינען געלאָפן
אויף בירזשעס און געהיימע רעפעראַטן,
געשראָקן די הערצער און געשניטן די יאָרן
ביי מאַמען און ביי טאַטן.
פון דעם קוטשעראַוון הערשל מאַסיעס,
וואָס האָט זיך געחברט מיט די מיכאַלאָווסקים,
די רעוואָלוציאָנערן קאָמעניטיאַסעס,
פון זיין באַרימטקייט צו קאָנען דעם טעטערעוו אַריבערשווימען,
פון דעם צעשטערטן מאַי־טאָג, ווען מען האָט אים
אַ דערטרונקענעם אין די וואַסערן פון טעטערעוו געפונען.

פון דעם וויים-באַקאַלכטן שאָסיי
מיט די גראָז-באַוואַקסענע קאַנאַוועס,
פון קניאַז גאָרטשאַקאָוס הויף,
פון זיינע סאַזשעלקעס מיט פיש, שוואַנען און פּאַוועס.
פון דער טאָשע, וואָס אַהין פלעג מען גיין שפּאַצירן
און טרינקען וואַסער פון אַ שטיינערנער שיסל,
פון סאָסנאָוון וואַלד, וואו קראַנקע און רייכע
פלעגן קומען צו דערהיילן זיך אַביסל.
פון די טירן, פון די שוועלן, פון די ערדן,
וואו מיינע פיס האָבן זיך געלערנט אַרומגיין.

# מיין מאַמע האָט געבעטן

גאָט האָט צוגעגרייט אַזויפיל שיינע זאַכן,
מיט אַלדאָס־גוטס האָט ער די וועלט באַזאָרגט.
טאָג און נאַכט האָט מיין מאַמע זיך ביי אים געבעטן
מיט טרערן אין די אויגן, מיט געזאַנג אויף אירע ליפּן —
שטיקלעך גוטסקייטן האָט זי ביי אים אָנגעבאָרגט.

גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, —
אַלע שבת פאַרנאַכט האָט מיין מאַמע געזונגען;
גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב,
האָבן די ווערטער ביי איר אין הארצן געקלונגען.

אַזוי ווי עס גייט אַוועק די נאַכט,
אַזוי ווי עס קומט אָן דער מאָרגן,
אַזוי ווי עס בליען די פרוכט אויף ביימער,
אַזוי ווי עס פליט אַרום דער אָדלער אָן זאָרגן,
אַזוי ווי עס גרינט דאָס גראָז אויף ערדן,
אַזוי ווי עס מערן זיך די שטערן אין הימל —
אַזוי זאָל עס געשען צו מיינע טעכטער,
אַזוי זאָל עס געשען צו מיינע זין.

האָט אָפּגעלעבט מיין מאַמע אַ האַלבן הונדערט יאָרן,
אָפּגעהיט איר חופּה־קלייד, איר זיידענע קוסינע,
צוגעדעקט דעם שבת־טיש און אויפגעראַמט דאָס שטיבל.

האָט אָפּגעלעבט מיין מאַמע אַ האַלבן הונדערט יאָרן,
אָפּגעהיט איר כלה־פּרייד, אָפּגעהיט אירע שטילע רייד,
אָפּגעגעבן איר לייב צום טאַטנס לייב,
און אָפּגעוואַרט אַ קינדס געבוירן.

גאָט האָט צוגעגרייט אַזויפיל שיינע זאַכן,
מיט אַלדאָס־גוטס האָט ער די וועלט באַזאָרגט.
טאָג און נאַכט האָט מיין מאַמע זיך ביי אים געבעטן
מיט טרערן אין די אויגן, מיט געזאַנג אויף אירע ליפּן —
שטיקלעך גוטסקייטן האָט זי ביי אים אָנגעבאָרגט.

גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב,
באַהיט דיין פאָלק פון אַלדאָס־בייז, —
גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב,
באַהיט דיין פאָלק פון אַלע ליידן.

גאָט האָט צוגעגרייט אַזויפיל שיינע זאַכן,
מיט אַלדאָס־גוטס האָט ער די וועלט באַזאָרגט.
טאָג און נאַכט האָט מיין מאַמע זיך ביי אים געבעטן
מיט טרערן אין די אויגן, מיט געזאַנג אויף אירע ליפּן —
שטיקלעך גוטסקייטן האָט זי ביי אים אָנגעבאָרגט.

גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב,
באַהיט דיין פאָלק פון אַלע שלעכטע אויגן;
גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב,
באַהיט דיין פאָלק פון פאַלשן גלויבן.
מיט דיין רעכטער האַנט זאָלסטו אונדז בענטשן,
מיט דיין כוח זאָלסטו איבער אונדז וואַכן —
מיר זאָלן ניט געשטראָפט ווערן פון קיין מענטשן.

האָט אָפּגעלעבט מיין מאַמע אַ האַלבן הונדערט יאָרן,
האָט אָנגעקליבן דחקותן, אָנגעקליבן אַ שווער לעבן,
אָנגעקליבן אויפן בית-עלמין מצבות זיבן.

אַזוי ווי שטורעם-ווינטן גייען גיך אַריבער,
אַזוי ווי דונערן און בליצן פֿאַלן אַראָפּ אין גריבער,
אַזוי ווי האָגל צעקלאַפּט זיך אין דרויבן,
אַזוי ווי שוואַרצע כמאַרעס צעפֿליען זיך ווי טויבן,
אַזוי זאָל אין דיר,
אַלמעכטיקער גאָט,
מיין איין-און-איינציקער זון גלויבן.

## עס קלויבן זיך שטערן

עס קלויבן זיך שטערן אין הימל,
עס קלויבן זיך גראָזן אַרויסצואוואַקסן
פון ערד, —
שטעטעלע,
אַ־דאָ, וואו דו ביזט געווען,
אַ־דאָ, וואו דו האָסט מיך געבאָרן,
אָנגעקליבן האָט זיך טרויער,
אָנגעקליבן האָט זיך אומעט איבער דיר.

עס קלויבן זיךביימער צו בליען,
עס קלויבן זיך בלומען צו באַפאַרבן די ערד.
שטעטעלע,
איך געדענק, ווי דו האָסט געלעבט
אונטער אָפענעם הימל,
איך געדענק, ווי דו האָסט זיך געבאָדן
אין טעטערעוו־טייך.

עס קלויבן זיך טעג מיט וואַרעמער זון,
עס קלויבן זיך נעכט מיט קילער פרייד, —
שטעטעלע, איך געדענק דיינע זיס־סאָסנאָווע גערוכן,
איך געדענק די אַקאַציע־ביימער אויף קיעווער שליאַך.

עס קלויבן זיך פויגלען
אַרויסצופליען פון די נעסטן,
עס קלויבן זיך מוראַשקעס
אַרויסצוקריכן פון מיסט, —
שטעטעלע, ווי טייער דו ביזט מיר איצט געוואָרן,
ווי די אויגן אין קאָפּ
ביסטו מיר.

עס קלויבן זיך מאָרגנס צו פאַרבייטן די היינטן,
עס קלויבן זיך ווינטן צו פאַרמעקן נעכטיקע שפּורן, —
שטעטעלע, איך בעט דיך
מיט ליבשאַפט אין מיין האַרצן —
לעב-אויף ווידער פאַר מיר.

## עס זינגט מיין היים צו מיר

טראַט און טראַט, —
מיר ברעכן וועגן.
מיט אונדזער ווילן, מיט אונדזער אָטעם־קלאַנג
מיר הויבן־אויף און דערטראָגן
דאָס רויע לעבן
צו אַן אויסגעחלומטן געדאַנק.

טראַט און טראַט, —
דורך טיפן גלויבן
איז אויפגעגאַנגען אויף אונדז דער מוט,
טראַט און טראַט, —
כוח און לעבן
זינגט־אַרויס פון אונדזער בלוט.

טראַט און טראַט, —
ווי זעגן שניידן, מיר שניידן־אויס אַ ריינעם וועג
פאַר די דורות, פאַר די יאָרן,
פאַר די גאָלד־באַגילדטע טעג.

# ליריק

# אַנטקעגן אייך

איך גיי אַרויף צו יאָרן,
צו קלוגע, צו שטילע,
צו זילבער־פאַראַסטעטע יאָרן,
איך גיי אַרויף אויפן באַרג.
די לידער די יינגלשע,
די ווילדע, די שיינע,
פאַרפאַלן זיינען ערגעץ געוואָרן
ביים ראַנד פון באַרג.
לידער מיינע איבערגעשוימטע,
איינגעשטעלטע אין צייטיקע יאָרן —
איך שטיי און וואַרט אויף אייך.

## גרינע טויבן

אויף מיינע פענצטער זיצן שווער-געליימטע טעג
מיט געבויגענע אַלט-ווייסע קעפּ איבער זיך.
מיינע אויגן זיינען, ווי גרינע טויבן
מיט יונג לעבן אין זיי.
פליען זיי אַרום איבער די געליימטע טעג
און האָבן מורא זיך אָפּצושטעלן.
איז געבענטשט זאָלן זיין מיינע פּיס.
מיינע פּיס, ווי די פּיס פון הירשן זיינען;
רופן צו זיי מיינע טויבן —
מיינע צעשראָקענע אויגן.
שפּרינגען מיר אינאיינעם אַריבער
איבער די געליימטע טעג,
איבער די צעשאָקלטע אַלט-ווייסע קעפּ,
וואָס זיצן אויף מיינע פענצטער.

## ס׳זינגען די טעג

אזוי ווי עס קלינגען גלעקער — קלינגען — —
אָט אזוי אין דערוואַכונג, אָט אַזוי אין אויפגאַנג,
אָט אַזוי אין זאַנגען, די טעג אין זאַנגען.
קומען אָן די טעג פון שניטער,
קומען אָן און שטעלן זיך ביי די וועגן
די רויטע טעג מיט גרין קיילעכדיקע אויגן,
און זינגען אַ געזאַנג,
וואָס דרינגט אַריין אין יעדן אבר
און וואַקסט־אַרוים פון דיר,
ווי די רייפע פרוכט אויף בוימער.
און די קאָרבן זיינען פולע,
און די שייערן זיינען פולע,
און די אויגן זיינען פולע, —
שניידן שניטער אָפּ די זאַנגען,
שניידן מעסערס אָפּ די קלאַנגען,
שניידן ווינטן אָפּ די שטאַנגען,
און די טעג — זיי קלינגען,
רינגען
און צעקלינגען
די גרויסע, גרויסע גאָב
פון גאָט.

## באַרג־פרייד

I

מיט טאָג מיט ליכטיקן,
מיט לויטערן, מיט גרינעם,
געקומען איז צו מיר אַזאַ באַגער:
אָנטאָן אויף מיינע פיס צוויי רינגען
און אַרויפקיילעכן זיך
צו דער זון.

II

סטאַדעס אָקסן
שלעפּן דעם פאַרנאַכט אַראָפּ
פון דעם הימל.
רויט און צעגליט גייט דער טאָג
אַראָפּ אין זילבערנעם טייך
זיך באָדן.
ביים ברעג פון הימל פּאַשען זיך
ראַבע פּעטע קי.
יידישער יינגל
מיט אויגן צעבליטע
זיצט אויף אַ שטיין און שניצט אַ שטעקן
פון אַ יונגן צווייגל,
און יעקב אָבינו
שטייט אים פאַר די אויגן...

## III

דער גוי פון דאָרף
האָט שוין דאָס היי פון פעלד אויפגעקליבן,
אין שײַנע, אין קײַלעכדיק-געשפּיצטע
סטערטעס אויפגעשטעלט.

די זון דרייט זיך אין רייפן
נידעריק ביים הימל,
און שפּיצן פון ביימער
זיינען אין רויטן בראָנז
צוגעברענט.

פון מיר זיינען מיינע אויגן
אַזוי ווילד און ווייט פאַרפלויגן.
אויף מיין שוועל זיצט קלוג
און שטיל דער האַרבסט.

## IV

קאַראַוואַנען קעמלען,
אָנגעלאָדענע מיט פול-קאָלירנדיקע פּעק,
ציען זיך אַ גאַנצן טאָג אויפן ברייטן שליאַך פון הימל.
מוסולמאַנער אין גרינע מאַנטלען
מיט רויטע קאָלפּיקעס אויף זייערע קעפּ
טרייבן אָן די קעמלען
מיט לאַנגע זילבערנע בייטשן
און זינגען-צו ניגונים —
הייליק, פייערדיק און צאַרט.

## V

אַ פּערלמוטער־שיף
מיט בורשטינענע זעגלען
איז צוגעשוואומען צום ברעג פון הימל
שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.
איך ווייס ניט, צי איז זי
נאָך דער נאַכט געקומען,
צי האָט זי מיט זיך דעם טאָג
געבראַכט...
נאָר אָנגעצונדן האָבן זיך די ווענט
פון מיין שטיבל
אויף דעם באַרג, וואו איך זיץ
און וואַך.

## אַט אַזוינע טעג

I

ווי פעלדער פול מיט זאַנגען, —
אַזוינע טעג, אַזוינע טעג
מיט האַרבסט
זיינען אויף אונדזער שטאָט אָנגעגאַנגען.

ווי טויבן פון דעם טויבן־שלאַג אַרויסגעפלויגן, —
אַזוינע טעג, אַזוינע טעג
מיט האַרבסט
האָבן אונדזער שטאָט געפאַנגען.

ריינער גאָלד און שטילע קלוגשאַפט
ליגט פאַר אונדז ביי די פיס.
טעג אין האַרבסט,
האַרבסט מיט טעג, —
קרישטאָל, איבער אונדזערע קעפּ צעהאַנגען.

II

גוט איז מיר אַרומגיין איבער גאַסן
אין טעג מיט האַרבסט.
אָפּשניידן פון הימל קרישטאָלענע פּאַסן
און באַפּוצן מיט זיי מיין האַרץ.

מיין האַרץ איז באַפּוצט
מיט קרישטאָלענע פּאַסן, —
איז מיר וואויל מיט טעג אין האַרבסט
אַרומגיין איבער גאַסן.

איבער גאַסן אַרומגיין
אין האַרבסט —
מיט טעג,
מיט גאָלד,
מיט קלוגשאַפט וואַקסן.

# לבנה־סערענאַדן

I

אויף דעם שפּיץ דאַך פון מיין שטוב
שטייט מיין שכנס שוואַרצע קאַץ
און שפּיגלט זיך אין דער לבנה.
מיין אייגענער קאָפּ — אַ זודיקער, איבערגעשווימטער טאָפּ
אין דער שיינער נאַכט,
וואָס ליגט איצט פאַר מיינע אויגן.

אָבער וואָס זאָל איך טאָן,
אַז פון מיינע שפּיץ פיס,
ביז אַרויף צום קיילעכדיקן קאָפּ פון דער לבנה
וועל איך אויף די בעסטע כשוף־פערד
און שטאָלענעם וואָגן
פאַר מיין גאַנץ לעבן ניט דערפאָרן!

ריים איך אָן הויפנס זילבערנע גראָזן
אין מיינע הענט,
און וועל זיי אַוועקטראָגן
דעם מיידל, וואָס האָט מיך ליב
און בענקט נאָך מיר —
אַ מתנה.

## II

די מענטשן, וואָס וואוינען הינטערן באַרג,
האָבן אין גרויס נויט פאַר אַ רעגן
אַ ווייסן אָקס אויפגעבונדן
און אים היינט אויפגעהאַנגען
אויף דער לבנה —
דרייען זיך איצט בלאַנקענדיקע מעסערס
אַרום זיין קיילעכדיקן האַלדז...

אין דער שטוב, וואו איך לעב,
זיינען די פענצטער אין פערטלען צעשניטן, —
ליגן שטיקער אָקס אויפן דיל,
ציטערן אין ווייסער שרעק
און בעטן ביי מיר
זיי צו העלפן.

גיי איך אַרויס פון מיין שטוב,
פון מיין שוועל,
הויב־אויף מיינע הענט צו דער הויך,
און צי זיי, און צי זיי, —
נאָר ביז צו דער לבנה אַרויף
קאָן איך זיי ניט אויסציען...

## III

אויף וועלדער און אויף ביימער,
אויף פעלדער און אויף גראָזן
האָט זיך היינט אויסגעשפרייט די לבנה.
האָט זיך אוועקגעזעצט,
אַ קיילעכדיקע אַזאַ,
אַ קלוגע און אַ שטילע.

אַן אָנגעלאָדענע מיט פרייד,
ווי אַ מייסטערהאַפטער
עלפאַנט-ביינערדיקער בודאַ.

און אויף מיר און אויף מיין שטוב
איז איצט אויסגעגאָסן אַ ליכטיקער רחמנות,
אַ פון אויבנדיקער, אַ פון דאַך אַראָפּעדיקער,
אַ זילבערנער רחמנות, —
אַז פון מיינע פיס,
אַז פון מיינע הענט
זאָלן זיך צענעמען,
זאָלן זיך צעעפענען,
זאָלן זיך צעווייען פליגלען,
און איך זאָל צוקומען
און אַ שנעל-טאָן אויפן סאַמע שפּיץ נאָז
פון קלוגן, פון שטום-פריידיקן,
פון קיילעכדיקן,
לבנהדיקן בודאַ.

# אונטער אַ רעגן

עס איז גוט אַזוי,
ווען אַ רעגן גייט,
בויגן דעם קאָפּ
אונטער יעדן טראָפּ;
פילן דעם געשאַנק,
פאַר דער ערד געגרייט,
אויף דיין שווערן, הייסן קאָפּ
זיך זייעט.

עס איז גוט אַזוי,
ווען דער רעגן גייט,
רייסן פון זיך דאָס לעצטע קלייד,
און שטיין אַזוי אין רעגן —
אין ריינער פרייד.

עס איז גוט אַזוי,
ווען אַ רעגן גייט,
ווען אַ רעגן גייט.

# ווייסע נעכט

ווייסע נעכט,
ריינער זילבער,
ליגן מיט מיר אין בעט.

וואונדערלעכע, פיין־געשניצטע בילדער
אויסגעהאַנגען זיינען אויף מיין סטעליע
און אויף מיינע ווענט.

אַ גרינער אָדלער שלעפּט אַ וואָגן,
אָנגעלייגט מיט מירמלשטיין,
אַ זעגל־שיף שווימט אַרום אין בלאָען וואַסער
און פון איר מאַסטבוים שיינט אַראָפּ
אַ גאָלדענע קרוין.

אַ מחנה רייך־געקליידטע מאַטאַדאָרן
ראַנגלען זיך מיט ווילדע אָקסן
אויף לעבן און אויף טויט.

ווייסע נעכט,
זילבערדיקע,
זילבערנער זילבער,
ליגן מיט מיר אין מיין בעט, —
וואונדערדיקע,
וואונדערלעכע בילדער
שאָטענען־אויס מיינע אויגן
אויף מיין סטעליע און אויף מיינע ווענט.

## מיט שיינקייט

אַז גוטסקייט איז דאָ ביים מענטשן
אויפן הארצן,
און שיינקייט איז דאָ ביי אים
אין די אויגן, —
איז כאָטש נעם די זון און וויקל אראָפּ
פון שויבן,
איז כאָטש נעם און הויב זיך אויף
און פלי ארום ווי טויבן,
איז כאָטש נעם דיין האַנט און גלעט־אוים
דעם בארג,
גלעט־אוים אויף וואסערן
די פאלדן.

און מיט שיינקייט צו לעבן איז אַזוי זיס,
ווי דער וויין אין די טרויבן,
און גוטסקייט צו האלטן אין זיך איז אַזוי גוט,
ווי די ווארעמקייט פון דער זון.

# צו מיין ליבער

דער פויגל איז שיין
דורך פלי פון זיין פליגל,

דער הימל איז שיין,
ווען ער גייט־צו צו דער ערד, —

אוי, מיין טאָג איז שיין,
איך זאָג דיר, ליבע,
ווען פוסטקייט לעבט ניט אין מיין האַרץ.
אַוודאי איז גוט צו קוקן און זען
גאָלד און בראָנז,
בלאָ און רויט פאַלן פון דער זון
אויף דיינע אויגן.

און אַוודאי איז גוט צו הערן
פון דיין מויל
ווערטער זילבערנע פון שיינקייטן
און גלויבן.

און מיר איז גוט און גוט,
איך זאָג דיר, ליבע,
צו זען דיך אויף דער ערד.

## אַ ליד פאַר מיר אַליין

שוין אַזויפיל מאָל
האָט זיך פאַרקליבן די זון
אין מיינע אויגן,
און אַזויפיל מאָל
האָט מיין קאָפּ געבליט,
ווי אַ יונגער בוים.

שוין אַזויפיל מאָל,
ווי איך גיי אַרום
איבער ווייכע גרינע גראָזן,
און אַזויפיל מאָל
האָבן מיינע הענט באַהאָפטן זיך
מיט פרייד.

שוין אַזויפיל מאָל,
אַז איך ווער אויפסניי געבאָרן,
און אַזויפיל מאָל
ציט מיין לעבן זיך צו דער ערד.

# זאָל אונדזער לעבן לעבן

עטל׳ן

אויף דיינע אויגן זומערן
זיינען פאַרגאַנגען,
און דיין לעבן האָט אַזויפיל מאָל
געבליט מיט שיינקייטן פון גאָר דער וועלט.
אַלע טאָג, ווען דו האָסט זיך
פון שלאָף אויפגעהויבן,
וואונדערלעכע מעלאָדיעס
געזונגען האָבן אין דיין יעדן גליד.

ליבע מיינע, דער בוים ווערט אויך
פון צייט און ווינט געביסן,
און דער הימל פאַרלירט די וואַרעמקייט
פון זון.
איז צו־וואָס זאָלן מיר זיך
פון לעבעדיקן קאָן אויסשליסן?
איז צו־וואָס זאָלן אונדז פאַרגאַנגענע טעג
פאַרדריסן?

זאָל אונדזער לעבן לעבן,
ווי עס לעבט דער בוים, דער הימל
און די ערד.

מיט מיר האָסטו
די שיינע טעג אויפגעגעסן,
און די נעכט האָבן מיר איינגעוויקלט
אין אונדזער אינטימער פרייד.
ליבע מיינע, דער מענטש זאָל קיינמאָל ניט פאַרגעסן,
אַז אויך די קיילעכדיקסטע זון
פאַרגייט.

איז צו־וואָס זאָלן מיר זיך
פאַר די אָנקומענדיקע האַרבסט־טעג
שרעקן ?
איז צו־וואָס זאָלן מיר מיט אויסגעקלערטע מיטלען
די זילבערנע פעדעם פון אונדזער לעבן
פאַרדעקן ?

זאָל אונדזער לעבן לעבן,
ווי עס לעבט דער בוים, דער הימל
און די ערד.

איך האָב געזען דיך אין יונגן זומער,
געררייפט מיט זיסן, שפּרודלדיקן ווײַן ;
איך האָב געהערט דיך
אין אונדזערע פאַרבונדענע יאָרן
אויסרעדן די פּשוטסטע ווערטער,
באַלויכטענע מיט אַ ליכטיקער שײַן.

ליבע מײַנע,
אַלע בליענדיקע זאַכן
פילן זיך מיט רײַפקייט אָן.
איז צו־וואָס זאָלן מיר
זיך איצטער מעסטן מיט די יאָרן,
וואָס מיר זײַנען שוין דורכגעגאַן ?
איז צו־וואָס זאָלן מיר
זיך פאַרהאַלטן פאַר דער שוועל
פון — וואָס וועט ווײַטער זײַן ?

זאָל לעבן אונדזער לעבן
ווי עס לעבט דער בוים,
דער הימל און די ערד.

# געגאַרטער זומער

I

דער ווינטער זיצט
און וואַרעמט זיך אין דרויסן,
און דער פרילינג שטעלט אים
ליכטיקע אויגן אויס.
זומער, דו געגאַרטער, ליבער,
אַלעביימער וואַרטן שוין אויף דיר.
אַלע ביימער ציטערן מיט פרילינג-פיבער,
אַלע צווייגן חלומען פון גרינער פרייד, —
זומער, דו געגאַרטער, ליבער,
אויך מיינע אויגן זוכן דיך שוין אַרום.

II

שפּיצן ביימער וואַרעמען אין זיך די בליטן,
טראָגן זיי אין זיך, ווי מוטערס
קינדער אין זייערע גופן.
שטילערהייט מיינע ליפּן אין ציטער בעטן,
אַז גרינג זאָל די ביימער אָנקומען
די געבורט פון זייער צווייט.

III

באַהאַלטענערהייט די ביימער
האָבן אין זיך גרינעם אָטעם אַריינגעצויגן.
באַהאַלטענערהייט די גראָזן
האָבן זיך אין מחנות צונויפגעקליבן —
אינאיינעם פון דער ערד אַרויסצוגיין.
אָפענערהייט איך וויל, מענטשן —
דעם אמת זאָגן,
אַז מיין האַרץ איז מיט ביטערקייט פאַרזייט.

## IV

ס׳גרייטן זיך דיביימער
אָנטאָן פרייד אויף מיינע אויגן,
און גראָזן גרייטן זיך אויפצומאָנען
די גוטסקייט אין מיר.
אַ שווערן ווינטער האָב איך
אויף זיך אַרומגעטראָגן, —
ווי אַ היימלאָזער פויגל
מיין הארץ האָט דעם אָנזאָג
פון פרילינג געזוכט.

## V

פול מיט פרייד די ביימער בליען,
בליען איצט מיט אַזוי פיל
צוגעזאָגטן גליק, —
ליבע מיינע, ווען איך וואָלט
געקאָנט דיר אויסזאָגן,
ווי ציטעריק ס׳איז מיר איצטער
יעדע שעה פון טאָג.
יעדע שעה, וואָס לעבט אין מיין לעבן,
איז ווי אַ וואונדער־פידל,
יעדע שעה, וואָס גייט אַוועק פון מיר,
איז ווי אַן עכאָ פון אַ ליד.
ליבע מיינע, איך וויל איצטער זיך
פאַר דיר ניט קלאָגן,
איך וויל נאָר, אַז ווי די ביימער —
בליען,
אַזוי זאָל בליען אויך מיין ליד.

# אין די בערג

I

פרימאָרגן ליגט דאָ ריין און אויסגעציכטיקט
אויף יעדן בלאַט, אויף יעדן בוים,
די רונדע קעפּ פון בערג און ווייטן
ווי באַרעליעפן זיינען אויסגעקריצט
אויף רוים.

איך גיי אַרום מיט טריט מיט שטילע
און מיט ליבע.
גאָלדענער שטויב איז אויסגעשאָטן
אויף מיינע אויגן,
פון מיין מויל רויכערט זיך
זילבערנער טוי.
דער יונגער הונט ביים נאָענטן שטיבל
קוקט צו מיינע פיס,
דער היגער מענטש, דער פויער,
זאָגט מיר אָן,
אַז דער מאָרגן איז היינט
צו אונדז געקומען,
לויטער, האָניקדיק
און זים.

## II

עס איז שיין ווי גאָלד
און וואונדערלעך אַזוי צו זאָגן:
איך האָב געזען,
איך האָב געזען די זון, אַ בוים,
די ערד, אַ קאָלירנדיקן רעגנבויגן.
עס איז שענער נאָך פון גאָלד
און וואונדערלעכער פון וואונדער —
אַרומצוגיין מיט אייגענע פיס
אויף פריש־געאַקערט פעלד,
און פון פולע הענט אין דער ערד
לעבן צו פאַרזייען.

עס איז שיין ווי גאָלד
און וואונדערלעך אַזוי צו זינגען:
זינגען פון זוניקע טעג,
פון צעבליטע קארשן און באַרן־ביימער,
און שענער נאָך פון גאָלד
און וואונדערלעכער פון וואונדער
איז אויפצושטיין אינאיינעם
מיט דער זון, —
און אָנטאָן דעם הערלעך
פראַצעדיקן טאָג
אויף אייגן לייב און ביינער.

## III

זיבן מענער זיינען אויפן באַרג
היינט אַרויפגעקומען,
זיי האָבן געבראַכט מיט זיך
ווייסע ריינע בערד,
און אַלטע שיך און קליידער.

זיי זיינען געקומען מיט שטילע
גראָע אויגן
און האַרט־פאַרשטאַלטע הענט.
דער עלטסטער מאַן, מיט אַ צוגעזועצטן
האַלדז און נאַקן, האָט פון פולן מויל
אויף די דלאָניעס אַרויפגעשפיגן, —
האָבן זיך זיבן זילבערנע
שניידמעסער מיט גרוים פריילעכקייט
צעזונגען און צעקלונגען.
און אונטערן געזאַנג
און אונטערן געקלאַנג
זיינען די גרינע גראָזן
טויט־געקוילעטע געבליבן ליגן.

IV

אין דאָרף, וואו איך לעב,
אויפן באַרג, וואו איך וואוין,
הענגט זיך אויף די זון —
אויף גראָז און אויף בוים,
אַלע טאָג, אַלע טאָג.
וויקלט זיך אַראָפּ פון הימל
אַ ליכטיקע פרייד,
אַ וואַרעמער חלום:
אַ פערד און אַ פליג,
אַ שטיין און אַ גרוב,
אַ בלאַט און אַ ראָד,
אַ מוראַשקע און אַ האָן,
לעבן אין פרידלעכן שלום.

## V

איך האָב היינט זיך פאַרקוקט
אויף דעם טאָג דעם ליכטיקן און שיינעם.
און עס איז מיר אַזוי ליב געוואָרן
יעדעס בלאַט, און יעדער גראָז,
דער ווינט אויפן בוים,
דער קלאַפּ פון אַ טיר,
און דער אָפענער הימל,
וואָס הענגט איבער מיר.
איך האָב היינט זיך פאַרקוקט
אויפן טאָג, וואָס זיצט הויך אויפן באַרג.
און מאָנט פון מיר פריינטשאַפט,
און מאָנט די גוטסקייט,
וואָס איז אָנגעוואַקסן אין מיר.

## בריוו צו מיין פרוי

### I

ביימער וואַרטן אויף יונגע בלעטער,
וואָס וועלן זיך אויף זיי צעוואַקסן, —
זאָל נאָר קומען דער טאָג פון אַ נייעם זומער.
ליבע מיינע,
איך וואַרט אויף יעדער באַשערטער שעה,
וואָס זאָל מיר געבן פרישע לידער.
לידער, וואָס זאָלן דערמאָנען דיר
אין גרינעם גראָז, אין זיסער פרוכט,
אין צאַרטע הענט, אין גוטע פריינט,
אין ליבן מענטש,
אין אונדזער אייגן ערלעך לעבן.

### II

דער זייגער גייט און גייט
און מיט פינקטלעכקייט גנבעט-צו ביי אונדז
די טעג און די יאָרן.
נעכטן האָסטו אויף זיך געמאָסטן
דאָס שיינע קלייד,
דיינע פינגער האָבן געציטערט
פון פרייד,
און דיינע אויגן האָבן געקוקט אויף מיר, —
וואָס וועל איך דיר זאָגן?

ליבע מיינע, דו ווייסט,
אַז איך בין קאַרג אויף רייד.
דו ווייסט, אַז ווען ס'זינגט אין מיר
מיין ליד,
וועל איך דיר ניט זאָגן
קיין ליגן.

איז נעם אָן מיין האַנט,
וואָס האָט מיך געהיט און געהאָדעוועט געטריי
די אַלע מיט דיר געלעבטע יאָרן —
דערפיל די וואַרעמקייט,
וואָס פולסירט אין איר,
וועלן מיר אויסגעטראַכטע רייד
פאַרשפּאָרן...

III

דער הימל האָט היינט די זון
אויפגעגעסן;
און אומעט די אוועקפליענדיקע פייגל
האָבן מיר געבראַכט.
ליבע מיינע, דו אַליין
געטריי און היימיש
וועסט מיך ביי אונדזער טיר אָפּוואַרטן,
און פרעגן, צי איך בין מיד.

מידקייט קאָנען אויגן — איינער ביים צווייטן —
אויסמעסטן;
נאָר אומעט צו האַלטן
איז שווערער פון דער שווערסטער זאַך.

## IV

באַלד וועלן זיך נייע בליטן צעבליען,
און אויףביימער וועט זיך צעוואַקסן
פרייד און גליק.

ליבע מיינע, ערשט נעכטן
האָבן מיר האַסטיק צעוואָרפן
אונדזערע טייערסטע מינוטן;
און איצט זיינען מיר קאַרג געוואָרן
און זיינען מיד.

באַלד וועט גרין גראָז פון דער ערד
אַרויסשפּראָצן,
און ביי אונדזערע פענצטער טויבן
וועלן זיך וואַרעמען אין דער זון;

ליבע מיינע, אַזוי פיל יאָרן,
וויפל ס'איז אונדז פאַרבליבן,
אַזוי פיל גוטסקייטן בליען זאָל
מיט אונדז...

## V

שווערע טעג פיר איך איצט
מיט זיך אַרום.
כ'טראָג זיי אויף מיין פלייצע
און שלעפּ זיי מיט מיין האַרץ.

ליבע מיינע,
ווילסט איך זאָל דיר זאָגן,
וואָס איך פיל און טראַכט?

דרייסיק יאָר לעבן אין אונדזערע אויגן
האָבן מיר געהאַלטן,
און פרייד און טרויער געוואויגן
האָבן מיר גלייך אויף גלייך.
איצט דאַרפסטו מיך גאָרניט פרעגן —
דו אַליין גייסט מיט מיר
אויף דעם זעלבן שליאַך.

## לעצטער טאָג פון יאָר

היינט איז דער טאָג ביי מיין פענצטער
געשטאַנען,
געוואַרט און געציטערט,
געגלויבט און געבעטן
אויף הונדערטער לשונות:
וועמענס לעבן
וועט אַוועקגיין אין דער טיפעניש פון פאַרגאַנג?
וועמענס חלום וועט זיך איבעררייסן
מיט מיין אונטערגאַנג?

וועמענס ליבע
האָב איך אויף שטיקלעך צעשניטן,
צעווייעט זיי מיט ווינטן
און צעשאָטן זיי מיט שניי?

וועמענס גוטסקייטן
האָב איך, ווי וואַסער געטרונקען
און אויפגעגעסן ווי אַלערליי נאַשעריי?

וועמענס הענט
האָב איך צו מי און צו אַרבעט געבויגן,
וועמענס רו
האָב איך געוועקט
און אָן רחמנות געצויגן?

צו וועמען בין איך אַ פריינט געווען,
און צו וועמען בין איך געווען אַ שונא ?

ווער איז אומגעגאַן מיט מיר
און האָט ברעקלעך פאַר זיין לעבן
אויפגעקליבן ?

ווער איז אומגעגאַן מיט מיר
און האָט נאָך אַ טאָג פון חשבון
אָפּגעריבן ?

ווער האָט אָנגעטאָן די שיינקייט
פון זיין פרייד
און ווי פאָנען זיי צעהאַנגען ?

ווער האָט אויסגעוואָרעמט קלוגע רייד
און איז מיט זיי אויף דער וועלט
אַרומגעגאַנגען ?

ווער האָט אמתן געזוכט
און זיי אָפּגעוויקלט פון פאַרוויקלטע
קנוילן ?

ווער האָט אומרעכטן דערזען
און זיך זיי אַנטקעגנגעשטעלט
מיט זיין איך מיט זיין הוילן ?

מיט וועמען האָב איך זיך אָנגעקערט
און מיט וועמען דאַרף איך זיך שיידן ?

מיט די, וואָס האָבן פון שיינע זאַכן
געטראַכט, —
מיט די, וואָס האָבן פון שיינע זאַכן
זיך אויסגעלאַכט?

מיט די, וואָס האָבן מענטשן־פרייד
געזונגען,
מיט די, וואָס האָבן פאַלשן האַס
אויף מענטש אַרויפגעצוואונגען?

מיט די, וואָס האָבן ערלעך געזייט
דאָס ווייץ און דעם קאָרן, —
מיט די, וואָס האָבן אָנגעגרייצט
דעם מענטש מיט בייזן צאָרן?

מיט די, וואָס האָבן געקלערט
פון שווערד און גיפטיקע קוילן,
מיט די, וואָס האָבן זיך געמאָסטן
מיט טויט און מיט גרוילן?

מיט די, וואָס ציען דעם זיידענעם פאָדעם
פון פרידן, —
מיט די, וואָס אין זייערע קעפּ
די אַטאָם־קאַשע האַלט אין איין זידן?

איז היינט דער טאָג ביי מיין פענצטער
געשטאַנען,
געוואַרט און געציטערט, געגלויבט און געבעטן
אויף הונדערטער לשונות:

קוקט זיך אָן אין מיר,
ווי איר קוקט זיך אָן אין אַ שפּיגל.
שעהן לעצטע פֿאָכען איבער מיר,
ווי אין פליען אַ פֿויגלס פליגל —
קוקט זיך איין אין מיר, —
און זעט מיך אין אייערע אויגן.

גוטע מענטשן,
אין גוטסקייטן זאָלט איר גלויבן —
שלעכטע מענטשן,
אייך זאָל דער נייער טאָג
איינדעקן מיט אַש און שטויבן!

# פייסאַזשן

## האַרבסט אויף קייפּ־קאַד

I

די ערד האָט שוין פון זיך די גוטסקייטן אָוועקגעגעבן,
און ליגט אַצינד פאַרחלומט און מיד.
ווי וואָלט זיין, ווען די וואַסערן פון ים
וואָלטן צו די ברעגן ניט דעריאָגן?
אומעטיק וואָלט דעם הימל דאָ געווען.

אומעטיק איז מיר, —
און איך מיין דעם אמת זאָגן, —
צו לעבן מיט האַרבסטיקן טאָג
און מיט האַרבסטיקער שעה.

אומעטיק איז מיר,
ווען איך וויל אַפילו ניט קלערן,
אַז צו די שענסטע שיינקייטן
אַ סוף איז דאָ.

II

שנעל־לויפנדיקע באַנען
פירן אַוועק מיט זיך די זון פון הימל,
נעמען־צו מיט זיך די ראַשיקע,
פאַרשפּילטע זומער־טעג.

איצט וועלן מיר, מיין ליבע,
דאָ אַליין אין ים זיך באָדן,
און דער האַרבסט וועט זינגען אונדז
אַן אומעטיק ליד.

III

ביים ים איז קיין סימן
פון דעם זומער ניט געבליבן,
נאָר די זון, אַ פאַרחלומטע,
דרייט זיך דאָ אַרום.
ווייט אין דער ווייטנס,
ביים ברעג פון דעם הימל,
אַ שיף אין זעגלען הוידעט זיך אום.

איך גיי דאָ אַרום און זאָג מיין געליבטער,
אַז אפשר צו שפּעט
האָבן מיר זיך אָהער פאַרקליבן.
כוואַליעס, האַסטיקער, ראַשיקער,
נעמען זיך יאָגן,
ווו זיי וואָלטן מיינע רייד
דערהערט.

# אין אַ ווינקל פון דער וועלט

די גאַנצע וועלט פאַרמאָגט דעם הימל,
און די וואַסערן פון ימען
איבער לענדער זיינען אויסגעשפּרייט —
וואו איז ניט די זון שוין אויסגעוועזן?
וואו האָט ניט די לבנה אויפגעבליט?
אומעטום, וואו עס וואַקסן מענטשנס יאָרן,
אומעטום עס וואַקסן די גרויסע שיינקייטן מיט זיי.

היינט בין איך ביים ים געזעסן
אין אַ ווינקל אויף אַמעריקעס ערד,
מיינע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן
אין דעם, וואָס איך האָב געזען.
וואַסער־פייגל זיינען אומגעפלויגן,
זעגל־שיפן האָבן זיך פון ווינט געבויגן,
און די זון איז געלעגן ביי מיינע פיס.
אומעטום זיינען טעג פאַראַנען, —
צי מ'פאָרט צו זיי מיט שיפן,
צי מ'פאָרט צו זיי מיט באַנען, —
זייער לעבן, ווי די וועלט איז גרויס!

היינט בין איך אין אַ ווינקעלע
פון דער וועלט געזעסן,
און דער הימל, און דער ים,
און די זון, און דער שיינער טאָג —
געלעבט האָט מיט מיר.

## אין אַ ים פון בערג און טאָלן

ס׳זיינען מיר די טעג דאָ קאַרג
און ווינציק זיינען מיר די שעהן
אויפצוקלייבן די אויסגעשאָטענע בערג
מיט זייערע נעמען, וואָס זיי טראָגן:
הירשן־קאָפּ, בערס פוס,
אָדלער־נעסט, פערדס האַלדז,
יידעס שטערן, באָבעס אויג,
און איבער אַלע דער באַרג אָן יאָרן.
ס׳איז מיר שווער
און ס׳איז מיר ניט באַשערט צו זאָגן,
אַז אייגן איז מיר דער צעגאָסענער ים
פון בערג און טאָלן.

דעניעל באָן און דער טשעראָקי צאַלי
זיינען דאָ אַרומגעגאַן
און אויסגעטראָטן וועגן.
דער פרעמדער נייגער מיינער
טרייבט מיך איצט אַרום
אָפּצוזוכן וואו זייערע ביינער ליגן.
ענדרו דזשעקסאָן און דער טשעראָקי דזשאָנאַלאַסקי
האָבן זיך דאָ פאַר יעדן באַרג־שפּאַלט געשלאָגן.
איצטער גיי איך דאָ אַרום און הער
וואָס זייערע אוראייניקלעך האָבן צו זאָגן.

# זון־אויפגאַנג

פון דער שוואַרצער ערד הויבט זיך אויף אַ טאָג:
גלייכט־אויס פּאַמעלעך דעם רוקן,
ציט־אויס די הענט אין דער ברייט און אין דער הויך;
נעמט לאַנגזאַם אַרום זיין אייגענעם קאָפּ,
און מיט פולער קראַפט גיט אַ גליקלעכן ציטער —
ווערט אַ ווילדער ווינט פון געיאָגטע כחות,
און אַ הירזשעריי פון קנאַקעדיקע אברים,
דערפילט די ערד דעם ציטער פון אויפגעשטאַנענעם טאָג,
און, אַ באַגערטע אין גרויס פרייד,
גיסט זי זיך אָפּ מיט רויט.

# פרילינג־אויפקום

אַז איך האָב דערזען, ווי די גראָע ערד
האָט זיך אויפגעשפּאָלטן,
האָב איך דערהערט דאָס ברומען פון מיינע טיפע בלוטן,
דערפילט, אַז דער אויפגאַנג גייט־אָן.

איז מיר אַזוי גוט געוואָרן —
ביז צעביסענער אַנגסט אין מיין יעדן אבר,
ביז פאַרשטיקטן געוואַלד אין מיין האַלדז.

ווייל דער פרילינג גייט־אויף
איבער אַ באַגראָבענעם זומער,
איבער אַן ערשט־געשטאָרבענעם ווינטער־טאָג,
און זינגט אַרום דאָס געזאַנג פון זאַפטיקע שוואַרצע ערדן,
און פראַכט־אַרום מיט אימפּעטיקן דראַנג
דאָס גאָלד־צעשוימטע לעבן.

לייג איך צו מיין יונג, ברענענדיק פנים
צו דער אויפגעלעבטער ערד
און גיי־אויף,
שפּראָץ־אויף
אינאיינעם מיט דעם קלענסטן ניי־גרעזל.

# אַבענער בלאַנשאַרד

היינט געגאַנגען איז אַ רעגן,
האָבן מיר די קלעצער ניט געזעגן.
אַבענער זיצט אין קליינעם שטיבל
און איך צעלייג אַ פייער אין דעם גריבל.

פון וואַנען קומט צו מיר דער שטילער ווילן
איינצוהאַלטן מיינע ברענענדיקע געפילן,
איינצוהאַלטן זיך און ניט פרעגן:
אַבענער, פון וואַנען קומט דער רעגן?

אַבענער ווייסט די יאָרן פון די ביימער,
ווייסט די נעמען פון די גראָזן,
ווייסט די לעבער פון די קראָטן און פון האָזן,
ווייסט די טראָטן, ווייסט די שפורן,
ווייסט, ווען די פויגלען ווילן אַוועק, אַוועק — —
און ווען זיי ווילן זיך צוריק אומקערן.

אַבענער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר,
דעם ערשטן טאָג, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן,
מיט צוויי אויגן ליכטיקע, ווי די הימלען אָפן:
יאָ!
ניינציק יאָר איז דער וואַלד
מיט מיר געוואַקסן.

# האַרבסט אויף ביימער

אַדאַ, וואו איך וואוין אַצינד,
וואוינט מיט מיר אַ באַרג,
און עס וואוינט דאָ אויך
אַ שטאָטיש קינד.

און איך בין ניט, ווי דער פויגל,
וואָס מיר האָבן דאָ געפאַנגען,
און איך בין ניט, ווי דער פאַרגאַנג
פון טאָג אין גאָלדענע זאַנגען —

איך בין דאָ נאָר מיטן באַרג
און מיטן שטאָטישן קינד,
צו לעבן און זען,
ווי עס וואַקסט דער האַרבסט
אויף די ביימער.

## ווינטער־מאָטיוון

דער בוים, וואָס איז געווען
פאַרליבט אין דיר,
דו, שיינער זומער־מאָרגן —
דער בוים, ער שטייט אַצינד
מיט פּוסטע אויסגעצויגענע
צווייגן.

אָ, וואו ביסטו שיינער זומער־טאָג,
וואו ביסטו פאַרפלויגן?
איך שטיי און קוק אויף דעם פאַרליבטן בוים
מיט טרויער אין מיינע אויגן.

טרויער אין מיינע אויגן
איז מיר שווער אַרומצוטראָגן, —
אָ, שיינער זומער־טאָג,
איך שעם זיך ניט
דיר דאָס צו זאָגן.

***

ביי מיין פענצטער שטייט אַ טויב
און בעט ביי מיר מיט פאַרבענקטע אויגן:
זוך־אָפּ דעם שיינעם זומער־טאָג,
וואָס איז פון אונדז אַוועקגעפלויגן.

אָ, שיינער זומער־טאָג,
דו שטייסט מיר נאָך אין מיינע אויגן;
נעכטן ערשט איך האָב זיך
מיט דיר אַרומגעשפּילט,
ווי אַ פּאַפּיר־שלאַנג אויף אַ דינעם פאָדים
אין די הימלען דיך געצויגן.

*
**

ס'גייען הונגעריק אַרום די טויבן,
די פייגל זיינען זיך צעפלויגן.
מיט ווייסן שניי, מיט קאַלטן טרויער
איז אַצינד מיין וועלט באַצויגן.

אָ, דו שיינער זומער־טאָג!
ווי אַ ווינט האָסטו זיך אויפגעהויבן,
אויף ווילדן וואָלקן־פערד ביסטו אַוועקגעפלויגן.
ס'גייען הונגעריק אַרום די טויבן.

אומעטיק זיינען אין מיין שטוב
די פענצטער־שויבן.
גרינע פרייד פון גראָז
איז אויסגעלאָשן אין מיינע אויגן.

*
**

עס פעלט דער שניי און ער פאַרדעקט
פון מיין שטוב די שויבן,
ווייס געוואָרן איז דער פאַרליבטער בוים,
פאַרבענקטער נאָך זיינען געוואָרן
ביי דער טויב די אויגן.

אָ, דו שיינער זומער־טאָג —
וואו ביסטו פאַרפלויגן?
איך קוק אויף טויב,
איך קוק אויף שניי,
און דער טרויער וואַקסט אין מיינע אויגן.

# די זון רוט אין טאָל

ס'האָט די זון געזוכט אַ שטילן ווינקל
אָפּצורוען זיך פון איר לאַנגן, ווייטן וועג.
געזוכט האָט זי ביי אַלע ברעגן
פון דעם הימל,
געזוכט האָט זי ביי אַלע עקן
פון דער וועלט —
אומעטום ס'זיינען איר דעם וועג פאַרלאָפן
דאָ די פייגל,
דאָ די שטעט,
דאָ די וועלדער מיט אויסגעשפּרייטן שאָטן,
דאָ די פעלדער פאַרוואַקסענע מיט גראָז.

ביז ס'האָט זיך געטראָפן:
אַ טויב
צום ים וואַסער טרינקען איז געלאָפן
און האָט דערזען די בלאַנדזשענדיקע זון.

און אויב ס'איז דאָ גוטסקייט
אין אויגן,
האָט די טויב גלייך די זון
צו זיך געצויגן.
און פון דעמאָלט אָן קומט די זון
זיך אָפּצורוען אין טאָל.

## לידער פון מיינע טעג

דער טאָג איז געקומען
פון באַרג פון דעם גרינעם,
געקומען מיט זון און מיט גאָלד
און מיט אַ ליכטיקן פּנים.

איך שטיי און איך קוק
אויף שטיינדלעך, אויף שטויבן,
אויף צווייגן פון ביימער,
אין אויגן פון טויבן.

גאָט מיינער, וויפל גליק
ס׳וואָלט געקאָנט די ערד פאַרטראָגן!
וויפל רו, וויפל קלוגשאַפט
ס׳וואָלט געקאָנט דער מענטש פאַרמאָגן!

איך שטיי און איך קוק
אויף ערד און אויף הימל —
גאָט מיינער, וויפל חן
ס׳טראָגט אין זיך אַ פויגלס
צעשפּרייטע פליגל!

אויף די גראָזן אויף די גרינע,
אויף די בלעטער אויף די דינע
איז היינט דער טאָג אַרומגעגאַנגען,
און הימל צו דער ערד
מיט גאָלדענע שטריק אַראָפּגעצויגן.

איך בין געשטאַנען און געקוקט,
ווי דער טאָג האָט דעם הימל
אין טייך אריינגעפירט, —
גאָט מיינער, וויפל גוטסקייטן
ס'דאַרף אַ מענטש אָנקלייבן!
וויפל ווערטער אין וויפל ביכער
דאַרף מען עס פאַרשרייבן!

איך בין געשטאַנען און געטראַכט
וועגן מיין אייגן לעבן, —
וויפל ליבשאַפט, וויפל פרייד
איך וויל אַוועקגעבן!

עס העלט דער טאָג
און שפילט זיך אין מיינע אויגן, —
אַזויפיל פייגל, אַזויפיל שיינע זאַכן
פאַרביי מיר זיינען דורכגעפלויגן.

איך שטיי און איך טראַכט:
ווי גוט וואָלט געווען,
ווען מענטש וואָלט מער
ווי זיך אַליין געזען!

גאָט מיינער, וויפל וואַרעמקייט
ס'ברענגט מיט זיך די זון,
וויפל זים-גאָלדענעם האָניק
ס'גיט אַוועק פון זיך די בין!

איך וויל לעבן מיט די אמתן
אין מיר.

ס׳גייט דער טאָג אַראָפּ
פון באַרג פונעם גרינעם,
גייט אַראָפּ אָן אָנגעלאָדענער
מיט אַלדאָס גוטס —
גאָט מײַנער, וויפל שיינקייט
ס׳וואַקסט אויף יעדן צווייג,
אויף יעדן בלאַט, אויף יעדן גראָז;
וויפל מוט עס טראָגט מיט זיך
אַ וואָרעם, אַ מוראַשקע, אַ שפּאַרבער!

איך שטיי און פאַרטראַכט זיך
וועגן מענטשנס לעבן —
גאָט מײַנער!
בלינד זאָלן ווערן די,
וואָס ווילן אונדזערע שיינקייטן צעשטערן!

## לידער פון מענטש און טעג

I

איך זע דאָ ביימער
מיט פרוכטן אָנגעלאָדן,
איך זע די רו גיסט זיך
פון הימל אַראָפּ.
מענטשעלע, דו און איך,
ווי די ביימער און די רו זיינען געבוירן, —
איז פאַרוואָס זיך שטעכן
איינער ביים צווייטן די אויגן?

איך זע, ווי די נעכט
לייגן זיך דאָ שלאָפן,
איינגעדעקטע מיט זיכערן געמיט,
איך זע דאָ דעם טאָג,
אַ געלייטערטן, אַ קלוגן,
אויף די וואַסערן פון ים צעבליט.
מענטשעלע, דו און איך
מיט אונדזערע שיינקייטן האָבן זיך ניט געביטן,
אונדזערע ליבשאַפטן צעווייען מיר
מיט ווינט.
איך זע דאָ דעם טאָג,
אַ געלייטערטן, אַ קלוגן,
אויסגיין אויף ים און אויף ערד.
מענטשעלע, דו און איך,
ווי נאַריש מיר לעבן —
מיר טוליען זיך צום שאַרף פון אַ שווערד.

## II

אזוי פיל זומערן
האָבן זיך דאָ אין ים געוואַשן,
אזוי פיל ווינטערן
האָבן זיך דאָ אין שנייַ פאַרשטעקט.
איצטער קיילעכדיקט זיך דאָ
דער האַרבסט אויף פענצטער,
און פייגל איילן זיך ערגעץ
אין ווייטן אַוועק —
און דו און איך,
מענטשעלע,
האָבן נאָך ניט געלערנט,
ווי צו לעבן אויף דער וועלט.

אַזויפיל וואַסערן האָט דאָ דער ים
צום ברעג אַרויסגעוואָרפן,
אַזויפיל גראָזן איז דאָ געוואַקסן
אויף דער ערד.
וויפל ביימער האָבן דאָ
די קאָלירן איבערגעביטן,
וויפל גליק האָט דאָ די זון געבראַכט
צו יעדער טיר און צו יעדער שוועל, —
מענטשעלע, דו און איך
נעמען-צו די וואונדער
און פאַרשליסן זיי אין זיך.

## III

אויסגעהאָרעוועטע זומער־טעג
זיצן דאָ אויף בייטן
און וואַרעמען־אויס זייערע מידע פּיס, —
וויפל וואָגיקע לאַסטן האָבן זיי
אויף זיך אַרומגעטראָגן!
דאָס גאַנצע שווערע לעבן אונדזערס,
פון פרימאָרגן ביז ביינאַכט,
האָבן זיי אויף זיך אַרומגעפירט.
מענטשעלע, דו און איך —
מיט שפּילקייטן האָבן מיר זיך פאַרמאָסטן,
און אויפגעגעסן פון די בייטן דאָס גוטס.

## IV

דער הימל זאָגט אונדז צו גרויסע גליקן, —
דער הימל וואוינט ווייט, ווייט פון אונדז.
די ערד מיט אונדזערע פּיס
מיר האָבן אויסגעקנאָטן, —
די ערד וואוינט מיט אונדז.
דערפאַר טוט באַנג
פאַר יעדן בלעטל, פאַר יעדן צווייטל,
וואָס בליט אַזוי גיך אָפּ,
דערפאַר טוט וויי
פאַר יעדן אָפּגעדאַרטן ריטל
אויף בוים, וואָס האָט אָפּגעלעבט.

דער הימל שיקט אונדז
ווייטע וואַרעמע גרוסן,
ווי אַ פריינט אין דער ווייטער פרעמד,
די ערד איז צוגעבונדן צו אונדזער געוויסן,
נעמט־צו אונדזערע שיינקייטן,
נעמט־צו אונדזערע זינד.
דערפאַר גיי איך אום אַן אָנגעגאָסענער
מיט פאַרדרוסן,
ווען אַ צעבראָכן גראָז
האָט זיך מער ניט אויסגעגלייכט,
דערפאַר ציטערן מיינע ליפּן
צו קושן יעדעס בלימעלע,
וואָס האָט זיך ערשט אויפגעמאַכט.

דער הימל קוקט אַראָפּ אויף אונדז
ווי אַ גרייזער זקן,
קלוגערהייט לאַכט ער אויף אונדזערע טעג.
די ערד, די ערד
איז ווי אַן אייגענע מוטער —
נערט אונדז מיט אַלע אירע גאָבן
און נעמט אונדז מידע צו
צוריק
צו
זיך.

## דאָס אינדזל גאַנטאָקעט

שטיקעלע ערד אין ים צעצויגן,
איך קוק אויף דיר מיט נייגעריקע אויגן.
איך זע דיינע יאָר־הונדערטער־אַלטע הייזער,
איך זע די געסלעך, וואָס דרייען זיך אַרום דיר,
ווי אויפן ציפּערבלאַט דער ווייזער.

יאָרן און יאָרן האָבן דיינע מענער
די גערזאַלצענע ים־ווינטן
אין זיך איינגעצויגן.
יאָרן און יאָרן האָבן די וואַלפישן
אין ביטערן געראַנגל
זיך צו זיי געבויגן.
יאָרן און יאָרן האָבן זיי פון ים
געזוכט דיינע באַלויכטענע שויבן.

שטיקעלע ערד אַליין פאַר זיך,
אינמיטן ים אָנגעוואַקסן —
דיינע זאַמדיקע ברעגן זיינען
מיט די שענסטע ווילדע בלומען באַוואַקסן.

יאָרן און יאָרן האָבן דיינע פרויען
געוואַרט אויף די דעכער,
געהאָפט און געבעטן,
געשטריקט, און פאַרריכט אין די נעצן די לעכער — — —
יאָרן און יאָרן האָבן זיך ווילדע שטורעמס
אויף דיינע ווענט אויסגעריבן —
מענערשער כוח און פרויאישער ווילן
דיין געשיכטע האָבן דאָ אָנגעשריבן.

# אַ זײַ געזונט

איך האָב שוין אַלץ דאָ אָנגעקליבן,
איך האָב שוין אַלץ דאָ אויסגעזען.
איך האָב די זון פון ים אַראָפּגענומען,
און די וואַרעמקייט פון שטיינער
אין מיין לייב איך טראָג.

אַ, פישער־לייט,
אוראייניקלעך פון יענע גרויסע פישער־פּיאָנערן;
אַ, האַנדל־לייט,
אוראייניקלעך פון גרויס־בריטאַנישע עמיסאַרן;
אַ, פּראָסטע, אָרימע אַרבעטלייט,
אוראייניקלעך פון יענע,
וואָס האָבן געשלעפּט דעם יאָך פון ים צו ים,
פון ערד צו ערד,
און האָבן אייך דאָ געבוירן —
זייט געזונט
און אָפּגעהיט פון שטורעם און פון ווילדן ווינט!
דאָס שטיקעלע ערד, וואָס איר פאַרנעמט,
איז נאָענט מיר געוואָרן.

# סאָציאַלע לידער

# איך בין דער מענטש

ליכטיקער מאָרגן —
אַ גוט־מאָרגן דיר!
איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געוואַרט
זאָלסט קומען צו מיר.
איך וויל דיר דערציילן
פון נעכטן, אַ טאָג,
און געשטראָפט זאָל איך זיין,
אויב אַ ליגן איך זאָג:

אַ מענטש האָט געטראָגן ליבע אין האַרצן
און אין אויגן געפירט ער האָט פעסעלעך גליק,
געוואָלט האָט ער פון שיינקייטן טראַכטן
און גוטסקייטן אָפּגעבן יעדערן אויף זיין וועג.
געוואָלט האָט ער מיטן טאָג זיך צעקושן,
אויסשטרעקן אים זיין וואַרעמע האַנט,
געוואָלט האָט ער, אַז זון־שטראַלן
פאַרבן זאָלן די גאַסן
און הויך־מויערשע וואַנט.

געוואַלט האָט ער, אַז ערדן זאָלן זיך צוזאַמענרוקן,
אַז ימען זאָלן זיך פאַרבינדן אין שטאָלענע בריקן—
אַז די, וואָס גראָבן קוילן אין דאָנבאַס,
און די, וואָס וואַשן-אויס אַמעריקעס גאַס,
די, וואָס פלאַנצן ביימער אין ישראל,
און די, וואָס גיסן אייזן אין רורער טאָל,
די, וואָס קליידן זיך אין נאַקעטקייט
אין אַפריקאַנער וועלדער,
און די, וואָס פאַרזייען ברויט
אויף באַלקאַנישע פעלדער,
די, וואָס ציכטיקן די טרויבן ביי דעם ריין
און די, וואָס שלייפן די דינסטע גלעזער
צו טרינקען פון זיי וויין,
די, וואָס גיבן דער וועלט,
וואָס די וועלט פאַרמאָגט —
„לעבן צו זיי!"
האָט דער מענטש געזאָגט.

ליכטיקער מאָרגן,
אַ גוט-מאָרגן דיר!
אַ גאַנצע נאַכט איך האָב געוואַרט
צו דערציילן דיר —
ווי אַזוי דער מענטש איז געוואָרן אָפּגענאַרט,
ווי אַזוי ס'האָט זיך גענומען לעשן אין אים,
וואָס ער האָט געגאַרט —
ווי אַזוי ער איז געקומען צו זיין שטוב
און צו זיין טיר,
ווי אַזוי ער האָט געקוקט אויף אַ בויגן
געדרוקט פּאַפּיר.

אַ ברודער טויט זיין ברודער אין כינע,
פּאַנצער־שיפן זיינען אָנגעקומען אין ביקיני,
גריך האָט ביי גריך דעם קאָפּ אָפּגעשניטן,
דער ישראל־פויער האָט אַקער־אייזן
אויף ביקס פאַרביטן;
אַמעריקאַנער פרייהייט־פויגל
איז געפלויגן קיין שאַנכאַי,
געבראַכט האָט ער אַהין
פולווער, טויט און בליי.

אַ גרויס־בריטאַנער לאָרד האָט באַשלאָסן,
אַ האָלענדישער אַריסטאָקראַט
האָט וויין אין אַ זילבערנעם בעכער געגאָסן;
אַ יענקישער גאָלד־קאָפּ האָט די ליפּן פאַרצויגן,
אַן אויסגעהונגערטער פראַנצויז
האָט צו זיי דעם קאָפּ געבויגן —
וועמענס ערד און וועמענס קוילן,
וועמענס פיש און וועמענס אוילן,
וועמענס הימלען, וועמענס ימען, —
אַלץ צעמאָסטן, אַלץ אַרומרינגלען מיט צאַמען,
אָדער אויסברענען מיט אַטאָם־פלאַמען!

ליכטיקער מאָרגן,
אַ גוט־מאָרגן דיר!
איך האָב די גאַנצע נאַכט געוואַרט
זאָלסט קומען צו מיר.
געוואָלט האָב איך דיר דערציילן,
וואָס איך האָב דיר דערציילט;
און איך וויל דיר זאָגן,
אַז טויט, אַז טרויער, אַז די חלקים
אַן אונדזער ווילן האָט מען אויסגעטיילט.

און איך וויל דיר זאָגן,
אַז איך בין דער מענטש,
און לאָז וויסן,
אַז אויפצועסן די פרייד פון דער וועלט
איז אַ האַרטער ביסן.

און איך וויל דיר זאָגן,
אַז איך בין ניט אַליין,
און וויל ניט אַרומשלעפּן מיט זיך
דעם טרויער.

און איך וויל דיר זאָגן:
אַז מענטשנס האָפענונג,
מענטשנס מי
איז אויף לאַנגן, לאַנגן דויער!

## אין טאָג פון יונגן פרילינג

ביימער קוועלן־אַן פון די ערשט־געבוירענע בליטן,
און טויבן קושן זיך פאַר פרייד.
טאָג פון שיינע צוגעזאָגטע גליקן, —
די וועלט ווארט אויף דיר;
און איך, אַן אויסגעפוצטער,
בין גרייט.

איך בין גרייט צו געבן דיר
מיין ברכה,
און ארומגיין מיט דיר
פון שטאָט צו שטאָט —
אָנווייזן דיר
ווי ס׳וואוינט די אָרעמסטע משפחה,
און וואו יעדעס פארוואָרלאָזט שטיבל שטייט.

איך בין גרייט אָפּצוזוכן פאַר דיר
דעם פאַרלאָרענעם שאָטן פון מענטש,
וואָס האָט זיך פאַרדונגען צום טויט.
איך בין גרייט
אויפצודעקן פאַר דיר
דאָס בייזע הארץ פון מענטש,
וואָס וועלט־פאַרברענענדיקע
באָמבע גרייט.

טאָג מיט יונגן פרילינג —
ווייך־גאָלדענער, צעגליטער!
איך בין גרייט מיט מיין הארץ,
מיין קאָפּ און מיין גאַנץ לעבן
אַרומפירן דיך,
פון גאַס צו גאַס, און פרעגן
ביי קינד, ביי באָבע און ביי מוטער:
צי דיך, צי טויט
זיי האָבן ליב...

איך בין גרייט אויפצוקלייבן —
פון פעלדער און פון וועלדער,
לעצט־יאָריקע אַראָפּגעפאַלענע
צווייגן און ריטער,
און פרעגן זיי:
צי דיך, צי טויט
זיי האָבן ליב...

איך בין גרייט —
די פיש פון טייכן און ימען,
חיות פון נאָרעס, פייגל פון נעסטן
און אַלערליי אינסעקטן
פון דער ערד און אין דער לופטן
צוזאַמענרופן,
און זיי פרעגן:
צי דיך,
אָדער דעם טויט,
זיי האָבן ליב.

איך בין גרייט יעדעם גראָז,
יעדעם בלאַט, יעדע פרוכט,
יעדע בלום, יעדן געוויקס,
אַלץ וואָס ברענגט נוצן אונדזער וועלט —
צונויפנעמען, צונויפזאַמלען
און אין געשלאָסענע רייען
מאַרשירן קעגן גרויזאַמען שונא
פון אונדזער ערשט־געקומענעם
פרילינג־טאָג.

## זון אין הימל, שיק מיר צו אַ בריוול

דער טאָג איז שענער פון דיין לעבן,
דו בייזער מענטש,
וואָס פאַרשפּרייטסט פאַלשקייטן אויף דער וועלט!

איך האָב געזען אַ בוים זיך אויסבאָדן אין רעגן,
און אויסטריקענען דערנאָך די גרינע בלעטער אין דער זון.
דו בייזער מענטש,
דו ביזט ווי אַ אַנגעלאָפענער שטורעם —
אויף מינוטן פאַרשוואַרצסטו אונדזער ערד.

איך האָב געזען:
אַ טויב האָט אין מויל אַ ברעקל ברויט אומגעטראָגן,
און אין אירע אויגן האָט געגלאַנצט
אַ פריילעכע פרייד —
דו בייזער מענטש,
איך מוז אַפּילו איצט פון דיר קלערן,
ווען דער שיינער טאָג איז אַנגענאָסן
אין מיין ליד.

אָ, זון אין הימל! שיק מיר צו אַ בריוול,
שרייב מיר אָן,
צי וואוינט ביי דיר אויך אַזאַ מין מענטש.
אויב ער טראָגט אין האַרצן ניט קיין גלויבן,
אויב ער האַלט די ליפּן פון זיין מויל שטייף פאַרצויגן, —
בייזע אומגליקן קלערט ער אויס
פאַר אונדזער וועלט.

איך האָב געזען:
אַ פויגל איז געפלויגן
און האָט אַ מחנה פייגל נאָך זיך נאָכגעצויגן, —
און געפרייט האָט זיך דער הימל,
און געפרייט האָט זיך די ערד.
דו בייזער מענטש!
מיט שיינקייטן
מיר וועלן דיך דערשלאָגן,
מיט גוטסקייט
דערטרינקען וועלן מיר דיך.

# לידער פון מיין לעבן

אין אָנדענק מיין טייערן שוואָגער,
**ד״ר דזשייקאָב הערמאַן,**
צו זיין ערשטן יאָרצייט

I

פרימאָרגן וואַרט אויף מיר אין דרויסן
אין אַלע וואָכעדיקע טעג פון יאָר,
מיט שלאָף, געקלעפּט אויף אויגן,
שטייט ער און היט מיין טיר.

אַלע טעג, אַלע טעג — זינט לאַנגע יאָרן,
ווי דאָס מזל האָט אונדז צונויפגעפירט —
איך וויל מיין ברויט און קלייד
ניט באָרגן, —
און דער פרימאָרגן
העלפט מיר אין דעם צו.

אַלע וואָכעדיקע טעג
איך גיי אַראָפּ דריי שטאָקן
אין פינקטלעך־אויסגערעכנטער שעה —
די נאַכט איז נאָך גאָרניט ווייט אַנטלאָפן,
און פרימאָרגן
ביי מיין טיר־שוועל איז שוין דאָ.

אַלע טעג, אַלע טעג,
פאַרשנייטע און אין קעלט,
גרין־בלעטערדיקע און ליכטיקע צעהעלט,
מיר שפּאַצירן דורך צוויי גאַסן —
און ביז קומענדיקן מאָרגן
אויף באַזונדערע וועגן
גייען מיר אַוועק.

פרימאָרגן גייט
צו וועלדער און צו טייכן,
צו פעלדער און צו שטעט;
און איך גיי
פאַר מיין ברויט און קלייד באַצאָלן
מיט דעם לעבן,
וואָס פולסירט אין מיין יעדן גליד...

II

די וואָכעדיקע טעג ווילן מיר ניט גלויבן, —
קומען זיי מיט פרימאָרגן־גלי,
און זעצן זיך אַוועק אויף מיינע שויבן.
זעצן זיך אַוועק און וואַכזאַם היטן
מיינע אויגן.

אַלע טעג, אַלע טעג, שוין זינט לאַנגע יאָרן,
מיין מי און מיין רו
ווילן ניט שאַנעווען און שפּאָרן —
וועקן מיך אויף
אין ווינטער און אין פרילינג,
אין זומער און אין האַרבסט,
איך זאָל זיי פאַר מיין ברויט
און קלייד באַצאָלן...

III

אַלע טעג, יעדער טאָג, —
שותּפים זיינען זיי געוואָרן
מיט מיין לעבן:
וועקן מיך אויף זיבן אינדערפֿרי,
לאַנגזאַם ציילן יעדע שעה פֿון מיין מי,
ביז ס'קומט ווידער זיבן.

אַלע טעג, יעדער טאָג,
שוין זינט לאַנגע יאָרן —
איך צאָל־אָפּ דעם חוב
פֿאַר מיין געבוירן.

## אַ ליד צו מיינע הענט

הענט מיינע, ווי יונגע זומערן!
ווען איך קוק אויף אייך,
לעבט־אויף מיין לעבן
אין מיינע אויגן.

הענט מיינע צעעפנטע, ווי רייפע בליאונגען!
ווען איך זע אייך אַזוינע,
לייכט־אויף מיין לעבן
אין מיינע אויגן.

אָ, וויפל טאָגן, טאָג און טאָג,
און טעג
זיינען שוין פון מיר אַראָפּגעפאַלן,
אַראָפּגעפאַלן און פאַרפאַלן
ביי די טריט פון מיינע פיס.

הענט מיינע טייערע און ליבע!
פון אייך צי איך מיין לעבן.
מיין לעבן —
האָניקדיק
און זיס.

# ביי דער ליכטיקער זון

I

איך גיי אַרום מיט טעג מיט ליכטיקע און ריינע,
איך גיי אַרום מיט בוים, מיט וואַלד, מיט פֿלעדערמויז,
מיט ווינט אויף גראָז און וואַסער־פֿעלדן.

איך גיי אַרום אויף באַרג,
איך גיי אַרום איבער טאָלן,
איך גיי אַרום און וועג מיין האַרץ
און וועג מיינע געפֿילן —
וועג מיין ליבע פֿאַרן היגן מענטש,
וועג די טעג און וועג די נעכט
אויף זילבערנע לבנה־שאָלן.

II

איך האָב זיך דאָ מיט דער זון
באַקענט
און נאָענט געוואָרן און געוואָרן
פֿריינט, —
אוי, מיין טייערער מענטש,
אוי, ליבער ברודער, —
ווי די וואַסערן פֿון בערג דאָ קוועלט,
אַזוי איז אויך מיין ליבע געשטעלט.

און פון וועלטן קומט צו מיר אַהער
דאָס געברום,
און איך הער דאָ פון קופּער, פון שטאָל
דעם געזשום.

און איך זע: יעדער בוים וואַקסט דאָ
גלייך און פריי,
און יעדער טייך שווימט דורך פעלד, דורך וואַלד,
צו דעם ים געטריי, —
איז זינג איך פאַרן מענטש,
וואָס פירט זיין פערד און אַקער אין פעלד אַרויס.
איז בענטש איך די האַנט,
וואָס שניידט צייטיקע זאַנגען און גרייט
פאַר אונדז דאָס ברויט.
איז האַלט איך מיין ליבע אין מיין הארצן פאַרשפּאַנט,
איז שווער איך זיך ביי דער ליכטיקער זון,
איז שווער איך זיך ביי די טעג,
וואָס דאָ אויפן באַרג האָבן מיט מיר פאַרבראַכט,
אַז שלאָגן וועל איך זיך מיט אַלע,
וואָס טויט און פיינטשאַפט
אויף אונדז האָבן פאַרטראַכט.

## זי רייפט, די שעה

מיט מיילער אויפגעריסענע מיר גייען —
די אויגן פֿאַסמעס פייער גיסן,
די וועגן ברענען מיר מיט הייסע טריט.

מיט יונג-צעבליטן טאָג מיר קומען,
געזאַנגען אונדזערע,
ווי מיט מעסערס געשניטן.

מיר גייען אַלע, וויפל מיר זיינען —
ווער פרעגט עס — ווער?
ווער פרעגט — פונוואַנען?
איין פֿאָן צעפלאַטערט איבער אַלע.

נו, קוקט, באַשיט מיט חוזק, מיט געלעכטער,
נו, שטעלט אַנטקעגן גולמדיקן וועכטער!
ניט היינט, ניט היינט, —
איז מאָרגן,
אי דאָרט, אי דאָרט, אי דאָ
זי רייפט, די שעה —
דער קיילעכדיקער אמת איז אין איר פֿאַרבאָרגן.

מיר גייען —
די נעמען אונדזערע ניט איינגעקריצט אין גאָלדענע ברעטער,
און ניט באַפּאַנצערט איז דאָס לייב
ווי ביי העלדן־ריטער;
מיר טראָגן טיף אין האַרצן די אייזערנע רוט,
און אונדזער בלוט איז, ווי די אויפגייענדיקע זון —

ניט היינט, ניט היינט, — איז מאָרגן,
אי דאָרט, אי דאָרט, אי דאָ
זי רייפט, די שעה —
דער קוילעכדיקער אמת איז אין איר פאַרבאָרגן!

און אָפּגעמעקט וועט ווערן פון ליפּן אייערע
דער חוזק, דער געלעכטער;
ווי ליים צעקנאָטענע וועלן ליגן די גולמדיקע וועכטער.

ניט היינט, ניט היינט, — איז מאָרגן,
אי דאָרט, אי דאָרט, אי דאָ —
זי קוילעכדיקט זיך, זי רייפט — די שעה!

# אַן וואונדער

איך האָב געזען מיט מיינע אויגן די לבנה —
ווי אַ אויסגעשניצטער האָרן,
ווי אַ פּערלמוטער-שיפל,
ווי אַ פּאָרצעלייענע שיסל
און ווי אַן עלפּאַנטביינערדיקער בודאַ.

איך האָב געזען, ווי וואַסערן האָבן זיך געשפּיגלט
אין דער לבנה,
ווי צוויי מענטשן האָבן איינס דעם צווייטן
ליב געהאַט,
און די לבנה האָט זיך איינגעקוקט אין זיי —
און איך האָב געטראַכט,
אַז עס איז שיין אַזוי —
אַ וואונדער.

איך האָב געזען מיט מיינע אויגן —
און עס איז מיר אַזוי ליב געווען,
ווי די זון האָט זיך אויסגעשלייפט
איבער אונדזערע קעפּ
און פּאַסמעס גאָלד אויף דער ערד פאַרלאָרן.

איך האָב געזעז די זון, ווי אַ ראָד אין געדריי
אויפן ברעג פון טאָג,
ווי אַ בורשטינענע קרוין אויפן קאָפּ
פון הימל —
און איך האָב געטראַכט,
אַז עס איז שיין אַזוי —
אַ וואונדער.

און נעכטן האָב איך געזעז
אַזאַ שיינקייט,
וואָס איז שענער פון אַלע שיינע בילדער:
איך האָב געזעז מיט מיינע אויגן
אַ מענטשנס האַרץ,
דאָס פאַרברידערטע האַרץ,
אויפגיין איבער מיר, ווי אַ רעגנבויגן —
גאָר אָן אַ וואונדער.

## עס רעדט דער ייד

אַלע פרימאָרגנ, ווען איך שטיי־אויף
און דערזע דעם ליכטיקן טאָג אויף פענצטער,
.צעוואַרעמט זיך אין מיר מיין צערטלעכער שטאָם
און ס׳צערעדט זיך דער ייד,
וואָס וואוינט אין מיין האַרצן.

וויפל שעהן עס זיינען דעם טאָג געגעבן,
אַזויפיל ציטערן וועט מיין לייב אַרומטראָגן.
וויפל מינוטן אַ שעה טוט פאַרמאָגן,
אַזויפיל ביטערער צער אין מיין בלוט
וועט זיך אומיאָגן.

ניט פּלוצלינג האָט זיך היינט
אין מיר אָנגעשלאָגן דאָס ליד
פון צעשטערטער און באַראַבעוועטער רו —
דאָס ליד זינגט זיך אין מיר
שוין טויזנטער יאָר.

טויזנטער יאָרן דרייט זיך די ערד
אַרום דער זון,
טויזנטער מאָל איז מיין מזל
איינגעשטעלט געוואָרן אין אַ פאַרפּלאָנטערטן קאָן.

אויב די ווייקסל און דער דניעפּער,
אויב דער אָדער און דער סעין,
אויב דער האָדסאָן און דער מיסיסיפּי
פירן שיפן, פירן ביימער,
פירן קוילן, פירן שטריק,
וויל איך:
אַז מיין אויג דאָס אויסגעבענקטע
באַטייליקן זאָל זיך אין דעם גליק.

משה רבינו האָט דעם ים געשפּאָלטן
און אַרויסגעפירט זיינע ברידער
איבער אַ טרוקענעם וועג,
בין איך דאָך אַ קרוב זיינער
און פון פרייהייט און פון גלייכהייט
רעדן און טראַכטן איך מעג.

און ווער האָט געבראַכט דעם הערלעכן נצחון
צו דינען און געהאָרכן אַ גאָט?
די ביטערסטע טעג, די פינצטערסטע צייטן
אָפּלייקענען האָבן עס ניט געקאָנט.

אַלע פרימאָרגן, ווען איך שטיי־אויף
און דערזע דעם ליכטיקן טאָג אויף פענצטער,
צעוואַרעמט זיך אין מיר מיין צערטלעכער שטאָם
און ס'צערעדט זיך דער ייִד,
וואָס וואוינט אין מיין האַרצן.

גיט מיר אָפּ דעם חלק פון דער וועלט!
די וואַרעמקייט פון זון
איז פאַר קיינעם ניט פאַרשטעלט.

גיט מיר אָפּ מיין רעכט און מיין גלויבן!
מיינע האָפענונגען און מיין ווילן
צעווייעט ניט, ווי שטויבן.

גיט מיר אָפּ, וואָס איר האָט
אָנגעראַבעוועט ביי מיר!
געדענקט דעם טויזנט־יאָריקן חשבון,
וואָס איך פיר.

## מיר וועלן לעבן

ווי וואָלט זיין,
ווען איך גיב דיר אַוועק
דאָס טעלערל פון הימל;
ווי וואָלט זיין,
ווען איך טראַכט-אויס
פון דער ערד צום הימל אַ שפּיגל,
און מיר ביידע נאָר,
איך און דו,
לעבן אויף דער וועלט, —

איז ברויט צום נערן זיך
דאַרף מען האָבן,
און קלייד אויף לייב
דאַרף מען אויף זיך טראָגן, —
אַטאָם-קלוגע מענטשן
וועלן עס אונדז ניט געבן.

ווי וואָלט זיין,
ווען איך שמיד־אויס פאַר דיר צוויי פליגל;
ווי וואָלט זיין,
ווען איך טראַכט־אויס
אויפן שטערן מאַרס פאַר דיר
אַ וואוין־שטיבל,
און איך און דו, נאָר ביידע,
לעבן אויף דער וועלט, —

איז וואָסער דעם דאַרשט צו שטילן
דאַרף מען האָבן,
און שיך אויף פיס
דאַרף מען אויף זיך טראָגן, —
אַטאָם־קלוגע מענטשן
וועלן עס אונדז ניט געבן.

ווי וואָלט זיין,
ווען איך גרייט צו פאַר דיר
אַ שטאָלן שטייגל;
ווי וואָלט זיין,
ווען איך טראַכט־אויס
טיף אונטער ערד אַ שטיינער־ביידל,
און איך און דו נאָר, ביידע
לעבן אויף דער וועלט, —

איז לופט צו אָטעמען
דאַרף מען האָבן,
און ליכט אין אויגן
דאַרף מען אין זיך טראָגן, —
אַטאָם־קלוגע מענטשן
וועלן עס אונדז ניט געבן.

איז ווי וואָלט זײַן
ווען איך גיב דיר ניט
די אַלע שײנע זאַכן;
איז ווי וואָלט זײַן,
ווען איך טראַכט ניט אויס
די אַלע אויסגעטראַכטע זאַכן, —

און איך און דו
מיט אַלעמען
ווען לעבן
אויף דער וועלט.

# אין גערֲאנגל

# ליב וואָלט מיר זיין

ביי אונדז אינעם לאַנד,
אין לאַנד פון פאַרשטיינערטע אָפּגאָטן,
צעמאָלן און צעהאַנגען אַצינד
איז דער רייפער האַרבסט, —
דער רויטער אינדיאַנער זומער.
אַ, פּאָעטן פון רוסן־מיין־לאַנד,
פון מיין היים ידישע קינדער —
ליב וואָלט מיר אַזוי געווען
אַראָפּגנבענען די זון
פון אונדזערע פענצטער
און אַוועקקייקלען זי, ווי אַ ראָד,
איבער ערד און טייך
צו אייך —
אין לאַנד פון די בויער.

## אונדזער גוטע ערד

אזוי פיל שיינע טעג, אזוי פיל גוטע זאכן
אין מענטשנס אויגן זאמלען זיך אן.
קינד מיינס, איך זע דיך דורך דער ליבשאפט
פון מיין הארצן.

איך זע די פענצטער אין מיין שטוב,
איך זע די שוועל פאר אונדזער טיר,
איך וויים, אז וואו דו ביזט אוועק
איז ניט אויף קיין קינדער-שפיל.

קינד מיינס, דעם קארב אין בוים איבער דיין קאפ
ביסטו שוין לאנג אריבערגעוואקסן,
דער סימן צו פארגלייכן דיך
אין דיינע יארן איז באהאלטן.

קינד מיינס, ליב איז דעם מענטשן צו קוקן
אויף דער זון,
און ליב איז אים צו זען
ווי דער בוים איז גרין, —

ליב איז מיר געווען צו זען, ווי דו גייסט
איבער די היימישע וועגן ארום,
און ליב איז מיר געווען צו הערן
דיין מענערישע שטים.

אזוי פיל שיינע טעג, אזוי פיל גוטע זאַכן
אין אונדזער היים, אויף אונדזער ערד;
בענטשן וועל איך דיינע טעג,
בענטשן דיין ביקס און דיין פערד, —
קינד מיינס, ציל זיך גוט אין שונא,
מעק אים אָפּ פון אונדזער גוטער ערד.

## איך זינג פאַר יידישע יונגען

צו אונדז אין לאַנד איז מאַי געקומען,
געקומען איז דער יונגער זומער אויף קיילעכדיקער זון,
איז שיין און ליב מיר אַצינד צו זינגען
פון גרויסער פרייד,
וואָס האָט זיך אַנגעקלעפּט אין מיר.

צו אונדז אין לאַנד איז מאַי געקומען,
געקומען פון הויכן, געקומען פון ווייטן,
געקומען צו אונדז אויף די הענט, —
איז שיין און ליב מיר אַצינד צו זינגען
פון יידישע יונגען,
וואָס צינדן דאָס הארץ פון בערלין.

איציק פאַרנאַכעס,
געקליבן זיין יינגלשן נחת
אין בייב-רוט, אין לו-געריג, אין בענע-לענאַרד, —
העלדן פון זיין טאָג.

יאַנקל לעוואַנטעס
געשפּילט האָט אין גלעזערנע שטיינדלעך,
אין ים-טשערעפּאַכעס,
געקליבן די בילדער
פון טאָם-מיקס, בראַנקאָ-ביל, דאַגלאַס-פעירבענקס, —
געזען זיך אין זייער רום.

יאָסל באַכראַך האָט געלעבט מיט טאָם־סאָויער,
געציטערט מיט מאָבי־דיק
און געפֿרייט זיך מיט האָקלבערי־פֿין —

איצט זײַנען זיי דריי אינאיינעם
און צינדן דאָס האַרץ פֿון בערלין.

צו אונדז אין לאַנד איז מאַי געקומען,
געקומען אויף גראָזן, געקומען אויף דאַך,
און געקומען אויף טיר, —
איז ליב און שיין מיר אַצינד צו זינגען
פֿון יידישע יונגען, וואָס נעמען נקמה
פֿאַר דיר, מײַן ייִדע, פֿאַר דײַן אָפּגעמעקטן קבר,
פֿאַר דיר, מײַן טאַטע, פֿאַר דײַן אָפּגעברענטער שטוב,
פֿאַר דיר מײַן ברודער, פֿאַר דײַן פֿאַרפּייניקטן טאָג.

ביי אונדז אין לאַנד איז מאַי געקומען,
געקומען איז דער יונגער זומער אויף קיילעכדיקער זון, —
איז שיין און ליב מיר אַצינד צו זינגען
פֿון יידישע יונגען,
וואָס צינדן דאָס האַרץ פֿון בערלין.

# בריוו פון רויטאַרמייער

## וויפל איך בין אַלט

וויפל איך בין אַלט,
עס פרעגן מיך מיינע יאָרן.
איך בין אַלט אַט אַזויפיל,
וויפל עס שטייען מיינע פיס אויף דער ערד.

וויפל מאָל וועלן זיך קאָנען מיינע הענט אויפהייבן?
אַט אַזויפיל מאָל,
וויפל עס וועט זיך באַוועגן דאָס האַרץ אין מיר.

אויף גרינגע שפילן איך בין נים קיין געניטער;
אויף לאָזן די צייט זיך דורכזופן צווישן מיינע פינגער —
איך בין נים צוגעוואוינט דערצו.

אויף אייזן און אויף קופּער,
אויף שטאָל און אויף פּאַפּיר,
אויף נאַפט און אויף ניקל,
אויף קוילן און אויף צוקער,
אויף האָלץ און אויף לעדער,
אויף באַנען און אויף ברעטער, —
מיין לאַנד האָט עס געבעטן פון מיר.

וויפל איך בין אַלט,
עס פרעגן מיך מיינע יאָרן.
איך בין אַלט אַט אַזויפיל,
וויפל עס שטייען מיינע פיס אויף דער ערד —
וויפל מאָל איך וועל קאָנען מיין ביקס אָנלאָדן,
וויפל מאָל עס וועט שטיין דער שונא אַנטקעגן מיר.

## איצט גיב איך מיין לאַנד

די זון פאַרשטעלט קיינמאָל ניט דעם הימל
און די רעגן-וואַסערן ווערן קיינמאָל ניט פאַרלאָרן.

מיינע הענט, וואָס זיינען מיר געטריי און איבערגעבן —
איך האָב אויף שלעכטע זאַכן קיינמאָל ניט באַנוצט.

איך האָב געזען די מעגלעכקייטן
אויף אויפצוקלייבן די ליכט-שטראָמען,
איך האָב געוואוסט, אַזביימער מוזן געבן פרוכט.

איך האָב געטראַכט,
אַז מענטשנס לעבן קאָן פאַרגרינגערט און פאַרבעסערט ווערן,—
איך האָב אָפּגעזוכט נויטיקע מינעראַלן
און זיי אַרויסגעצויגן פון דער ערד.

איך האָב פאַרזייעט גערטנער אויף זאַמדיקע פלאַכן,
איך האָב איבערגעפלאַנצט ביימער און איבערגערוקט טייכן,
איך האָב געגעבן מיין לאַנד גאָלד און זילבער
אויף זיך אויסצופּוצן,
וואָרט און שפּראַך
אויף זיך אויסצודריקן,
מאַשינען און געווער אויף זיך אָפּצוהיטן.

איצט גיב איך מיין לאַנד
מיין קאָפּ און מיינע הענט,
מיינע אויגן און מיין לעבן —
צו שלאָגן זיך מיט דעם שונא,
וואָס האָט קיין ליבע ניט אין האַרצן.

## ניט געטראַכט

ניט איך וועג מיט מיין האַנט,
ניט איך וועג מיט מיין אויג
דעם טרויער.

מיין האַנט איז אָנגעפּילט, ווי אַ שטאָלענער האַמער,
מיינע אויגנס בליק איז אָנגעגרייט,
ווי אַן אייזערנער קליאַמער.

דאָס ברויט פון פעלד, —
צי האָסטו עס אָראָפּגעשניטן ?
די בערן און די עפּל,
די קאַרשן און די פלוימען —
צי האָבן זיי פון קעלט,
צי האָבן זיי פון וואַרעמקייט
געליטן ?

ניט איך טראַכט פון פעלד,
ניט איך טראַכט פון יאָרן,
ווען יונגערהייט איך בין מיט דיר
אויף פּאַשע און אויף וואַכנאַכטן
אַרויסגעפאָרן —

איך טראַכט אַצינד פון לאַנד,
איך וואַך אַצינד אויף פעלד,
מיינע אויגן לויטערן און ברענען.

די בהמות און די פערד,
די שאָף און די חזרים
אָפּגעהיט צי האָסטו?
געציכטיקט און געריייניקט?

צי האָסטו דעם וועג צום שליאַך דערפירט,
אַז אָנגיין זאָל דאָס לעבן גרינגער?

ניט איך זאָרג פאַר דער ערד,
ניט איך זאָרג פאַרן אָרט,
וואו מיינע פיס האָבן זיך געלערנט אַרומגיין, —
איך זאָרג אַצינד פאַרן לאַנד,
איך היט־אָפּ אַצינד די ערד,
מיינע הענט הויבן זיך איצט
און פליען, ווי פויגלען.

## דאָס האַרץ פון מיין לאַנד

צוואַנציק זומערן פון מיין קאָפּ
האָבן זיך אָפּגעוויקלט
און צוואַנציק ווינטערן אויף מיינע אַקסלען
האָבן זיך באַזעצט —
איצט בין איך אַ צוואַנציק יאָריקער אויסגעוואַקסן
און פאַר מיין לאַנד איך בין גרייט.

איך קוק אויף הימלען, איך קוק אין שפיגלען,
איך זע דער שונא איז שווארץ, ווי טויט.
איך צי מיין האנט,
וואָס האָט געשפּילט אויף פידלען, —
איך צי זי אוים מיט שרפעדיקן גראַנאַט.

איך האָב געשפּילט באַך, מענדעלסאָן, בעטהאָווען,
מיין הארץ האָט געזונגען מיטן געזאַנג פון זייער הארץ, —
דעם שווארצן שונא איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעבן —
פאַרמאָסטן ער האָט זיך אויף מיין
גליקלעך לאַנד!

צוואַנציק זומערן פון מיין קאָפּ
האָבן זיך אָפּגעוויקלט
און צוואַנציק ווינטערן אויף מיינע אַקסלען
האָבן זיך באַזעצט —
דאָס הארץ פון מיין לאַנד
אין מיינע הענט
איז איצט איינגעשטעלט.

### טראָג מיך, שטאָלענער פויגל

איך האָב מיט גרינגער האַנט געפירט דעם רודער,
איך האָב געהיט די שטערן אין דעם הימל,
מיין רויטער פויגל איז געפלויגן גלייך, ווי אַ סטרונע,
איך בין, איינער פון מיינע יונגע ברידער,
געפלויגן איבער די הויכן פון מיין לאַנד.

איך האָב געזען די פעלדער אין ברויט, אין פרוכטן,
איך האָב געזען די שטעט, דאָס דאָרף, —
געזען בערג און וואַלד און טייך,
געזען רויכן פון די באַנען,
געזען פייערן פון שמעלץ־פאַבריקן,
געזען שאָף און פערד זיך זעטיקן אויף גרינע גראָזן,
איך האָב געזען בהמות מיט פולע אייטערס
טראָגן די מילכן אַהיים.

איך בין געפלויגן מיט מיין רויטן פויגל —
מיט פרייד אין מיינע אויגן —
אויף היימישע הימלען
און געזען דאָס רייכטום פון מיין לאַנד — —

העי, טראָג מיך איצט,
מיין שטאָלענער פויגל,
מיין רויטער,
ווי דאָס בלוט אין מיין האַרץ —
טראָג מיך זיכער צו נאָענט צום שונא,
וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אויף מיין לאַנד!

# אַמעריקע

## יאָרן, מײַנע יאָרן!

אויף נסים
האָבן געוואַרט מײַן מאַמע און מײַן טאַטע,
און פֿון וואונדערלעכע וואונדער
ס'האָט פֿון אַמעריקע געשריבן
מײַן מומעס טאָכטער זלאַטע.

און איך אַליין האָב געחלומט, געגאַרט,
און פֿאַנטאַסטישע מעשׂיות אויסגעטראַכט,
אַרומלויפֿנדיק מיט מײַנע יונגע יאָרן.

און דערנאָך האָב איך אַליין
מיט מײַנע אויגן געזען
משה־לייב דעם פֿעטער שמחהס,
וואָס איז אין אַמעריקע געווען,
ווען ער איז צוריק אַהיים געקומען,
ווי אַן אויסגעפּוצטער אינדיק.

אָ, יאָרן, מײַנע יאָרן פֿאַרגאַנגענע,
איך וואָלט איצט געוואָלט מיט אײַך
זיך טרעפֿן
און מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן אײַך וועטן,
אַז דער פֿאַרדינסט איז אײערער געווען.

מיין טאַטע־מאַמעס נסים
האָבן פאַרבלאָנדזשעט,
און מיין מומעס טאָכטערס וואונדער
האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט.
און משה־לייב דעם פעטער שמחהס
איז שוין מער אויף דער וועלט ניטאָ, —
נאָר איך אליין בין שוין העכער דרייסיק יאָר
אין אַמעריקע דאָ.

העכער דרייסיק יאָר —
די יונג־יאָרישע חלומות
פאַרגעסן און פאַרמעקט.
מיט פרייד און מיט טרויער,
מיט האָפענונג און מיט וויי
אין אַמעריקעס לעבעדיקן קאָן
זיך איינגעוועבט.

אָ. יאָרן, מיינע יאָרן!
אויף רוסיש־אוקראַינער ערד געבוירן,
איך בין מיט אייך יונגערהייט
דעם אַטלאַנטיק אַריבערגעפאָרן
און אין דער היגער ערד פאַרזייט.

די נסים און די וואונדער
און דער אויסגעפוצטער אינדיק
ניט נאָכגעגאַנגען זיינען מיר דאָ
אויף מיין וועג — —
באַרשט און האַמער,
זעג און קלאַמער,
שטאָל און אייזן,
בלעך און וואָל;

הענט און האַרץ,
קאָפּ און אויגן,
שיף און באַן און עראָפּלאַן,
ראַד און שרויף, קייט און שטריק,
שלייפער, גיסער, שמיד און פּוצער,
פאַרבער, וועבער, שניידער, בויער;
קאַסטן, טיש, שאַפע און מויער —
סימפאָנישע געזאַנגען
פאַר מיין אויער.

אָ, יאָרן, מיינע יאָרן
פון חומש און גמרא,
פון פּרצס „יום-טוב-בלעטער"
און טשערנישעווסקים „וואָס דאַרף מען טאָן";
פון דזשעפערסאָנס
„אַלע מענטשן ווערן געבוירן גלייך",
פון לינקאָלנס
„דאָס לאַנד און די אינסטיטוציעס
באַלאַנגען צו די,
וואָס לעבן דאָ",
פון רוזוועלטס
„נישטאָ קיין שרעק,
אַחוץ פאַר שרעק אַליין",
און פון די זעקס מיליאָן
מיינע אומגעקומענע יידישע קינדער,
ביז צו די ראָזענבערגס „מיר זיינען אומשולדיק" — —

אָ, יאָרן, מיינע יאָרן!
איר האָט קיינמאָל ניט געוואָלט
מיך שאַנעווען און שפּאָרן —
אָבער אויך ניט געשטעלט זיך
מיר אין וועג.

## ווייסטו ווער איך בין

די ערד איז אויסגעשפּרייט
פון ים צו ים,
און ווייטער נאָך פון ימען
איז זי אויסגעצויגן, —
אומעטום, וואו דער מענטש האָט זי דערזען,
האָט זיך אַ לעבן אָנגעהויבן.

איך בין געווען נאָך זייער יונג,
ווען איך האָב זיך צו דיר, אַמעריקע,
אַריינגעקליבן,
איך בין געווען,
ווען דו וואָלסט מיך דאַן דערזען,
פון רוסישער ערד אַ יידיש ייִנגל.

קאָלאָמבוס, האָט מען מיר דערציילט,
איז איבער זיבן ימען אומגעשוואומען,
און ווען ער האָט דיך אָפּגעזוכט,
האָט די גאַנצע וועלט געגומען מיט אים
קלינגען.

קאָלאָמבוס איז געווען פאַר מיר אַ ליד,
אַ שיינער פויגל,
אַ צווייג פון בוים,
וואָס האָט געוואַקסן
אין מיינע טרוימערישע אויגן.

זעכצן טעג און זעכצן נעכט
מיט שטורעם־כוואַליעס האָב איך פאַרבראַכט,
און געוואַרט דיין פּנים זאָל זיך פון ים
צו מיר אויפהויבן.

זעכצן טעג און זעכצן נעכט...
די ערד, וואָס האָט מיך אויפגעבראַכט,
איז פון מיר אַוועקגעשוואומען, —
זעכצן טעג און זעכצן נעכט
די בענקשאַפט נאָך דיין נייער ערד
האָט מיך אַרומגענומען.

קאָלאָמבוס האָט דיך אָפּגעזוכט,
און ווי אַ שיינע כּלה פאַר דער גאַנצער וועלט
דיך אַרויסגעפירט
און שידוכים דיר געגומען ריידן, —
ווער ס'האָט געבראַכט דיר גליק און פרייד,
ווער ס'האָט גענייט דיר שיך און קלייד,
ווער ס'האָט געבויט און געמויערט,
ווער געאַקערט און געזייט,
ווער געשמידט און געלייט,
ווער געריייניקט און געציילט
דיינע שיפן, דיינע באַנען,
דיינע טעפּ און דיינע פאַנען,
דיינע קאַרשן, דיינע פלוימען,
דיינע קוילן און מילגרוימען,
דיינע וואַסערן און דיינע טייכן,
דיינע בריקן און דיינע שליאַכן,
דיין האַרץ און דיין לעבן —
די חתנים פון דער וועלט
האָבן דיר דאָס אַלץ געגעבן.

וואַשינגטאָן איז ניט געווען קיין
אויסגעטראַכטער מיטל,
ווי זיין שיין דריי־עקנדיק היטל, —
וואַשינגטאָן האָט ליב געהאַט זיין ערד,
וואו ס'האָבן זיך געפּאַשעט זיינע פערד,
האָט ער מיט ביקס אין האַנט אַוועקגעשטעלט זיך
דאָס צו באַהיטן.

דזשעפערסאָן האָט אין שיינעם קאָפּ
ביי זיך געטראַכט,
אַז דו, אַמעריקע, ביזט פאַר קיינעם
ניט פאַרצאַמט און ניט פאַרמאַכט,
האָט ער גערעכטע רעכטן
פאַר אַלעמען אויפגעשריבן.

טאָם פעין פון גרויס־בריטאַניע,
דער איינציקער און אַליין,
האָט אויפגעוועקט דיין יעדן בוים,
דיין יעדן שטיין,
דיין יינגל און דיין מאַן,
מיט מוט און מיט ליבע געפירט דיך —
אין דיין פרייהייטלעכן שפּאַן.

וואָלט וויטמאַן,
דער דיכטער פון דיין געביין,
מיט ווערטער פּשוטע, מיט ווערטער הערלעכע,
האָט מיר אָנגעזאָגט, ווי גרויס דו ביזט
און ווי דו ביזט שיין.

דזשאָן בראַון, דיין ווייסער מאַן, —
עס זעען אים קלאָר מיינע אויגן,
ווען ער האָט זיינע נעגער־ברידער
דורך אונטערערדישער באַן
פון שקלאַפעריי אַרויסגעצויגן.

אַמעריקע,
דו ווייסט ניט ווער איך בין,
דו האָסט מיין פנים
קיינמאָל ניט געזען, —
דו האָסט מיך צוגענומען,
ווי דער ים נעמט־צו
אַ שפענדל.

## אַמעריקע — אַ טראַגעדיע

נעכטן האָבן קינדער זיך געשפּילט אויף דיינע גאַסן,
און אין שטיבער מאַמעשע הענט האָבן געוואַרט
זיי אַרומצורייניקן און אַרומצואוואַשן.

נעכטן — מיליאָנען רעדלעך און רעדער
געדרייט זיך האָבן אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד;
אויסגעמישט ס׳האָט זיך שוויים און קלערן,
ווי אויסצובויען דעם הערכסטן מויער
און ווי אויסצוגראָבן זאַמד.

נעכטן — דיינע יונגע מענטשן האָבן געאײַלט
אויסצולערנען אין ביכער,
ווי צו ברענגען דאָס ברויט פון פעלד,
דיינע שיך און קליידער אויפצוניִיען דיר וואָס גיכער.

נעכטן — מענטשן פון דער גאַנצער וועלט
האָבן געבראַכט זייערע פאַרלאַנגען און פאַרמעגן,
געטריי דאָס פאַר דיר אָוועקגעלייגט,
ניט אָפּגעמאָסטן, ניט אָפּגעוואויגן.

נעכטן האָסטו זיך געהאַלטן שטאָלץ,
און קיינער האָט דאָס דיר ניט געקאָנט פאַרווערן —
דזשעפערסאָן און לינקאָלן,
עמערסאָן און דזשאָן בראַון,
ווי אין הימל לויכטענדיקע שטערן.

נעכטן האָט דער ייִד, דער גריך,
דער אירלענדער, דער טשעך,
דער פראַנצויז און דער אַביסיניער
געהאָדעוועט דיך, מיט ליבע און מיט לעבן.

נעכטן — וואָלט וויטמאַן און מאַרק טווען,
לאָנגפעלאָ און טאָראָו,
וויטיער און דזשעק לאָנדאָן
האָבן אויסגעזונגען פון דיר אַ ליד,
ווי בריליאַנטענע געוועבן.

נעכטן — אַ פישערמאַן אויף ים,
אַן אינזשעניער אויף לויפנדיקער באַן,
אַ קוילן־גרעבער אין טיפעניש פון דער ערד,
אַ פרעירי־פאַסטוך, באַוואַכנדיק אַ טשאַמע פערד,
געלויבט און געבענטשט האָבן דיך.

*****

הײַנט —
מיליאָנען ליפּן דיך שעלטן,
מיליאָנען אויגן קערן זיך אָפּ פון דיר...

די קלוגע רייד פון ליכטיקסטע מענטשן
פון אונדזערע געדאַנקען ווילסטו אויסרייסן,
ברוטאַלן שרעק לייגסטו אַוועק
ביי יעדער שטוב, ביי יעדער טיר.

הײַנט — מיט אַטאָמישער בייטש
ווילסטו די וועלט פאַרשמייסן;
מיט דײַן גלוסטיק־זשעדנעם מויל
דו ווילסט די קײַלעכדיקע ערד אײַנבײַסן.

היינט — די מידות,
וואָס דיינע אורעלטערן
האָבן ווי טייערע פּערל פאַר דיר געקליבן,
פאַרשטויבטע ליגן, באַליידיקט און פאַרשעמט.
דאָס האַרץ פון אומפאַרשעמטן רשע,
די טאַט פון פינצטערלינג, אָפּגעטאָן אָן בושה,
פירסט אַרויס אויף דיינע גאַסן
און טראָגסט אַרום אויף דיינע הענט.

היינט — די פּעטריק הענרים און טאָם פּעינס
וואָלסטו פאַרזעצט אין תפיסה, —
די אוראייניקלעך,
וואָס האָבן זיך אין זייערע פים־טריט געשטעלט,
מיט גרויזאַמע שטראָפן האָסטו באַשאָטן,
באַגזלט זיי פון יעדן מיטל,
ווי צו קאָנען לעבן אויף דער וועלט.

היינט — דערטראַכט האָסט זיך,
אַז דיין גרויסקייט איז אין דעם,
וואָס דו האָסט פאַרגעסן,
אַז דאָ אויף דער ערד
זיינען די באַשאַפער פון דיין פרייהייט געזעסן.

היינט,
ווי די זון איז פאַרגאַנגען אויפן ברעג פון הימל
איבער דער ברייט און דער לענג פון דיין לאַנד,
האָט זיך אַ האַנט אויפגעהויבן
און מיט איין ריר
פאַרדעקט דיך מיט מערדער־שאַנד.

***

מאָרגן וועסטו אויפשטיין, —
איך וועל אויפשטיין,
און אויפשטיין וועלן הונדערטער
און אויפשטיין וועלן טויזנטער
און אויפשטיין וועלן מיליאָנען —
אויפשטיין וועלן מיר ווידער צו זיין,
ווידער צו לעבן און זען מיט די אויגן,
ווידער צו לעבן און שפּירן דאָס קלאַפּן פון האַרץ,
ווידער צו לעבן און פון שיינקייטן טראַכטן.

מאָרגן וועלן מיר אויפשטיין —
אויפשטיין וועסטו, גאַנץ אַמעריקע, —
נאָר ניט אויפשטיין וועלן צוויי...

זיי, — וואָס זיינען, ווי די פּרוכט,
וואָס וואַקסט איצט אויף דיינע ביימער,
ווי די גרינע גראָזן
אויף דיין ערד דער שיינער;
זיי, — וואָס זיינען, ווי דער הימל
קלאָר און לויטער איבער דיינע שטעט צעהאַנגען,
ווי דיינע אָפענע פעלדער מיט ברויט-טראָגנדיקע זאַנגען.

מאָרגן וועט די זון אויפגיין,
אויפגיין איבער דעם האָדסאָן און מיסיסיפּי;
אויפגיין איבער דעם אַטלאַנטיק און פּאַסיפיק,
אויפגיין איבער בערג און טאָלן,
אויפגיין איבערן גאַנצן לאַנד —
נאָר ניט אויפגיין וועט די זון
אויף די אויגן פון צוויי.

זיי, — וואָס זיינען, ווי די וואָרעמקייט,
וואָס ס׳גיט אַוועק די זון,
ווי בורשטינענער האָניק,
וואָס ס׳גיט אָפּ די בין;
זיי, — ווי אַ גוטער, אויסגעחלומטער חלום,
ווי צוויי ווייסע טויבן
פון שלום.

מאָרגן וועט אַ מוראַשקע אויף דער ערד אַרומקריכן,
אַ פליג וועט אויף טירן און אויף ווענט שפּייז פאַר זיך זוכן;
פייגל וועלן באַוואַכן זייער יונגוואַרג אין די נעסטן,
פיש וועלן די טיפענישן פון ימען און טייכן מעסטן, —
נאָר מער ניט לעבן וועלן צוויי...

זיי, וואָס מיר האָבן זיי ניט אויסגעקליבן,
זיי,
וואָס מיר האָבן ביז היינט פון זיי קיין ביכער ניט געשריבן,
זיי — ווי געריסאָן און ווענדל פיליפּס,
ווי וואַשינגטאָן און פרענקלין —
וועלן אין דיין געשיכטע אַריין,
און אויף אייביק
זיין.

## זעגל־שיפן

איך בין ביים ים דאָ היינט געזעסן
און האָב אָן אונדזער וועלט זיך גאָר פאַרגעסן.
געוואַרעמט האָט די זון דעם ים און מיינע גלידער —
געצייטיקט און אָנגעפילט ס׳האָבן זיך אין מיר לידער.

שעהן זיינען איבער מיין קאָפּ אַוועקגעגאַנגען,
און פון שטיינער און פון ביימער און פון גראָזן
איך האָב געהערט געזאַנגען.

גרויסער ים,
איך וויל דיך מיט מיינע הענט אַרומנעמען!
גוטער הימל,
איך וויל מיט מיינע פינגער
דיינע גאָלדענע פּאַסמעס קעמען!

איך בין דאָ ביים ים געזעסן
און פרייד האָט זיך אין מיין הארצן איינגעגעסן, —
ביז אַ וואַסער־פויגל האָט זיך צעשריען
און איבער מיר געגומען אַרומפליען —
און דעם דינעם פאָדעם פון מיינע ליבע איבערגעריסן.

ווייסע זעגל־שיפן האָבן זיך אין מחנות
אויפן ים אויסגעצויגן
און אַ קאַלטע שרעק אַנגעוואָרפן אין מיינע אויגן:
איך האָב דערזען אַ מחנה יענקי־לייט
אין ווייסע קיטלען,
אויף אַ פעלד אין אַלאַבאַמאַ...

איך האָב דערהערט דאָס קול פון אַ נעגער־ייִנגל
רופן זיין מאַמען;
איך האָב דערזען אַ מחנה יענקי־לייט
אין ווייסע קיטלען —
פאַרטייעטע שאַקאַלן, —
זיי האָבן מיך,
אַ פרעמד־געבוירענעם
דערקענט —
און וועלן באַלד אויף מיר אַנפאַלן...

# מיין מזל

ס'זיצן דאָ די טעג אויף די שטיינער
און וואַשן זייערע פיס אין ברעג פון ים, —
פון וואַנען האָט זיך דאָ אַזויפיל רו גענומען,
אַזויפיל שיינקייט,
און אַזויפיל פּאַרטייעטע פיינטשאַפט
צו מיין שטאַם?

דזשאָן סמיט, דער קאַפּיטאַן,
איז אַלע זיבן ימען אויסגעשוואומען
און האָט דאָס ווינקעלע ערד דאָ פלוצלינג דערזען.

דריי הונדערט יאָר צוריק —
און עס האָט געקאָנט מיין מזל אַנדערש זיין, —
אויב משה אַבראַמסאָן,
צי יעקב שנייערסאָן,
צי יצחק קופּערשטיין
וואָלטן אים דעם וועג פאַרגאַן.

ס'זיצן דאָ די טעג אויף די שטיינער
און וואַשן די פיס זייערע אין ברעג פון ים.
דזשאָן פאָל!
זשאָשיא נאַרוואַד!
וויליאַם ענדרוס!
די זון אין דעם הימל,
די רו און די שיינקייט
זאַפּ איך איין, —
און אייך וועל איך לאָזן
אייער ביטערן סם.

## ווילי־מעגי

זאָל קומען טאָג, זאָל קומען דער מאָרגן.
זאָל קומען די זון, זאָל קומען ליכט פון פרימאָרגן —
זאָל קומען און זיך אָוועקשטעלן מיט דיר, מענטש,
אָפּגעוואויגענער אויף זייגער־ווייזער.

זאָל קומען דאָס אָטעמען פון יונגע גראָזן,
זאָל קומען די פרייד פון בליענדיקן זומער,
זאָל קומען און זיך אָוועקשטעלן מיט דיר, מענטש,
פאַרבונדענער אין טרויער.

זאָל קומען פליגל־פלאַטער פון טויבן,
זאָל קומען צאַרטע וואַרעמקייט אויף שויבן,
זאָל קומען און זיך אָוועקשטעלן מיט דיר, מענטש,
מיט ווייסן טויט אויף דיינע אויגן.

זאָל קומען אַ ווינט פון מענטשן־מיילער
און צעעפענען די טירן,
זאָל קומען אַ קול פון די,
וואָס גלויבן ניט אין די,
וואָס ווילן דיך פון דער וועלט פאַרפירן...

ווילי־מעגי!
דו ביזט אונדזער ברודער.
דיין ווייטיק
איז דער ווייטיק אין אונדזערע אייגענע גלידער.
ווילי־מעגי!
דו דאַרפסט זיין און וואַקסן מיט אונדז,
ווי עס איז, און ווי עס וואַקסט
דער יונגער בליענדיקער זומער.

## ביי דזשעפערסאָנס קבר אין מאָנטיטשעלאָ

גוט איז מיר
צו טראָגן ליכט אין מיינע אויגן,
און גוט איז מיר
צו האַלטן דיך ביי דיין האַנט —
ליבע מיינע,
וואָס איך וויל דיר איצטער זאָגן,
באַהאַלטן זאָלסטו עס,
ווי אַ טייערן פּערל־באַנד.

דאָס לאַנד, וואָס האָט מיך ניט געבוירן,
די ערד, וואָס האָט ניט געזען מיך
שטעלן די ערשטע טריט,
האָט מיך צו זיך אַזוי צוגעבונדן,
ווי דער געבורט־שנור אין מיין מאַמעס בויך.

געטעסבורג און יאָרקטאַון,
האַרפּערס פּערי און באָנקער־היל,
וואַשינגטאָן און דזשעפערסאָן,
גערימאָן און פרענקלין,
ווירדזשיניאַס בלויע בערג
און קאַראָליינאַס זינגענדיקע טאָלן,
מעדיסאָן און לינקאָלן,
פּעטריק הענרי און דזשאָן בראַון, —
איינגעבאַקן איז אין מיר
זייער יעדער קער און שפּאַן —
זיי וועלן לעבן אין מיין האַרצן,
ביז מיין לעצטן טאָג און נאַכט.

## ווען מען רעדט וועגן אַמעריקע

פון יענע טעג, פון יענע יאָרן, —
וואָס איז איצט פון זיי געבליבן?
שענאַקהאָקס, מאונטהאָקס —
איר, וואָס האָט אויף זיך געטראָגן
אי די הימלען, אי די וויסטן,
אי די פלאַמענדיקע זון, אי די ימענדיקע ווינטן.
ניסאַקווהאָקס, פּעטשעקווהאָקס!
איר, וואָס האָט דער ערד דאָ דעם ערשטן מענטש געגעבן,
איר, וואָס האָט מיט הוילע הענט
מיט חיות און מיט שלאַנגען זיך געשלאָגן —
שענאַקהאָקס, מאונטהאָקס,
ניסאַקווהאָקס, פּעטשאַקווהאָקס!
אין אַלט-פאַרגעלבטע ביכער איז פאַרשריבן,
ווי אַזוי איר האָט פון ים דאָ-אַהער
זיך אַריינגעקליבן.
ווי אַזוי איר האָט זיך דאָ צעוואַקסן און צעשפּרייט,
ווי אַזוי איר האָט פייגל אויפגעגעסן
און אין זייערע פעדערן זיך אויסגעקליידט.
ווי אַזוי איר האָט ים-שיסעלעך געריניקט און געשליפן,
ווי אַזוי איר האָט אויף הירש-האָרן זיך דורכגערופן;
ווי אַזוי איר האָט מיט שטיין, פון שטיין,
פייערן אַרויסגעריבן.
ווי אַזוי איר האָט, מיט הייסן טאַנץ
און הילכיקן געזאַנג,

די ניט־גוטע פון דער ערד פאַרטריבן.
שענאַקהאַקס, מאַונטהאַקס,
ניסאַקוהאַקס, פּעטשאַקוהאַקס, —
איר, וואָס האָט דאָ אין דער ערד
דורות אייערע באַגראָבן.
איר, וואָס האָט מיט שווערער מי
אין ווילדערניש שטעגן אויסגעקליבן;
איר, וואָס האָט זיך צוהילף גענומען
באַפלאַאַקס און ווילדע ציגן;
איר, וואָס האָט אין מבול־רעגן
און אין ווינטער־פרעסט
אייער לעבן איינגעשטעלט אַנטקעגן.
איר, וואָס האָט דעם טאָג פאַרנאַרט אין טיפן וואַלד,
איר, וואָס האָט אויף ים געמאָסטן און געציילט יעדן וואַסער־פאַלד,
איר, וואָס האָט פון האָלץ און שטיין
געמאַכט פאַר זיך פייל און בויגן,
איר, וואָס האָט די ברעגן פון ים געהיט מיט אייערע אויגן —
שענאַקהאַקס, מאַונטהאַקס,
ניסאַקוהאַקס, פּעטשאַקוהאַקס!
וואָס איז דאָ איצט
פון אייך געבליבן?
גאַסן — אייערע נעמען טראָגן,
אייערע כּלי־זין, — אין מוזייען אויפגעקליבן.
טייכן, וואָס איר זענט איבער זיי אַרומגעשוואומען,
שטעט אויף די ערדן, וואָס מען האָט ביי אייך צוגענומען.
פעלדער און וועלדער, וואָס איר האָט
מיט אייער אָטעם
לעבן געגעבן —
וואָס איז פון אייך געבליבן?

## אַמעריקע

### (ניי יאָר־באַלאַדע)

אַמעריקע,
היינט האָב איך אָפּגעציילט
אַ האַלבן הונדערט פון דיינע יאָרן,
איך אַליין
האָב פינף־און־דרייסיק פון זיי
אויף זיך אַרומגעטראָגן.
איך אַליין,
ווען דער ים האָט אָפּגעשניטן מיין קינדהייט־היים,
האָב דיך דערזען —
מיט גרויסע און פאַרליבטע אויגן.
איך אַליין בין געקומען צו דיר,
מיט יונגע האָפענונגען און מיט געדאַנקען געטריי.
איך בין געקומען צו דיר ניט ווי אַ גאַסט
און ניט קיין פרעמדער.
איך בין געקומען צו בויען דיין הויז,
צו שמידן דיין בריק,
דיין ברויט צו פאַרזייען,
און דיינע שיך און העמדער צו נייען.
איך בין געקומען
אויף צו קלייבן דאָס מיסט פון דיין גאַס,
אָנצוגיסן ווייַן אין דיין פאַס,
אומצופירן דיינע שיפן איבער טייכן און איבער ימען.
אָפּצוזוכן דאָס גאָלד אונטער ערד
און דיינע ווילד־פליסנדיקע וואַסערן איינצוצאַמען.

איך בין געקומען, ווי עס קומט דער טאָג
און ווי עס קומט די נאַכט,
ווי בליאונג אין פרילינג אויפגעמאַכט,
ווי כוואַליעס פרייע, פון ים אַרויסגעבראַכט, —
איך בין געקומען צו זינגען אַ ליד
פון מיר, פון דיר, אַמעריקע־לאַנד.

אַמעריקע,
איצט איז אַ פינף מינוט פאַר צוועלף ביינאַכט —
פופציק יאָר גייען אַוועק פון דיר.
און איך האָב זיך וועגן דיר פאַרטראַכט:
אויף טויזנט מייל, פון ים צו ים,
ליגסטו אויסגעצויגן.
דיינע שטעט און דיינע מויערן
צו די הימלען זיך הויבן.
דיין ערד שפּרודלט מיט קופּער,
מיט זאַלץ און מיט אייזן.
דיינע באַנען איבער בערג און טאָלן,
ווי ווינטן זיך איילן.
דיינע געצאַמטע וואַסערן טראָגן ליכט
איבער וועלדער און פרעירישע שטרעקעס.
דיינע עלעקטראָ־מאָטאָרן און פרעס־האַמערס
די יונגע מאָרגנס וועקן.
דיינע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און טעלעפאָן־טעכניסטן
אין דער לופט רעדן און רופן.
דיינע שמעלץ־אויוונס און שטאָל־גיסערישע פאַבריקן
לאָזן די נעכט ניט איינשלאָפן.
דיין ענערגיע און דראַנג —
ווי גראָזן וואַקסן.
דיין אַמביציע און פאַרלאַנג —
דרייען זיך, ווי רעדער אויף אַקסן;

דיין קראַפט שלאָגט אַרויס פון דיר —
ווי אויל פון קוואַלן,
דיין אימפעט, דיין ווילן איז —
ווי וואַסערפאַלן.

אַמעריקע,
איצט איז שוין נאָך צוועלף ביינאַכט.
אויף די פאַרגאַנגענע פופציק יאָר
האָט זיך די טיר פאַרמאַכט,
און איך טראַכט פון דיר,
איך און נאָך עלטערע פון מיר,
וואָס האָבן אָפּגעלעבט די פופציק יאָר מיט דיר —
ווער זיינען מיר?

דער קוילן-גרעבער און דער לאָקאָמאָטיוו-פירער,
דער שטיין-האַקער און דער ברויט-באַקער,
דער פּאַסטעך אין די פעלדער,
דער ביימער-שניידער אין די וועלדער,
דער דאַכן-דעקער און דער געקעכצן-קעכער,
דער אויטאָ-טרייבער און דער חשבונות-שרייבער,
דער ציגל-לייגער און דער רייפן-בייגער,
דער שוך-פוצער און דער אונטער וואַסער-קריכער,
דער פּאַקן-טרעגער און דער טשוואַקן-שלעגער,
דער פידל-שפּילער און דער לופטן-פליער,
דער זינגער פון לידער,
דער שאַפער פון ביכער,
דער מאָלער פון בילדער
און דער שטערן-זוכער, —
אָט-אָ-די זיינען מיר.
און אַלץ, וואָס דו האָסט,
און אַלץ, וואָס דו פאַרמאָגסט —
מיר אַלע
געגעבן האָבן עס דיר.

אַמעריקע,
איצט איז שוין פון אַ נייעם יאָר
שפּעט ביינאַכט —
און אַלץ פון דיר איך טראַכט:
דזשעפערסאָן און לינקאָלן,
פרענקלין און רוזוועלט —
זיי זיצן איצט מיט מיר
און קוקן מיר אַריין אין מיינע אויגן;
עמערסאָן און וויטמאַן,
לאָנגפעלאָ און געריסאָן
זיצן איצט מיט מיר
און קאָנען זיך ניט גלויבן;
בעניקאַר און קאַרווער,
שטיינמעטץ און בעק
זיצן איצט מיט מיר
מיט קעפּ אַראָפּגעבויגן — —

אַמעריקע, אַמעריקע!
אַזוי פיל שיינע זין האָבן דיך דערצויגן — —
מיר איז ניט ליב צו זאָגן דיר
וואָס צום נייעם יאָר איך טו פון דיר טראַכטן, —
איך, וואָס האָב אָפּגעלעבט מיט דיר
פינף־און־דרייסיק יאָר.
אויפגעקליבן פון דיין געשיכטע די טייערע פּערל,
אָפּגעהיטערהייט זיי אויפגעצילעוועט אויף אַ זיידן שנירל;
אָפּגעמאָסטן דיינע מנהגים און וועגן,
אויסגעטיילט זיי פון דעם אמת און פון דעם ליגן,
איינגעוואַקסן אין דיין לעבעדיקן קאָן,
ווי די אייביק אויפגייענדיקע זון —

מיר איז ניט גרינג
און ס'איז מיר ניט צום האַרצן
דערמאָנען דיר דיינע זינד,
וואָס ביזט באַגאַנגען אין דיין וואַקסן.
מיר איז ניט צוגעטיילט דער כבוד,
און קיינער האָט מיך ניט אויסגעווײילט דערצו,
צו ריידן פאַר אַלע, וואָס האָבן געלעבט
און לעבן נאָך דאָ.
נישט די אינדיאַנער,
די ערשטע באַזיצער פון דיין ערד,
און נישט דאָס נעגער־פאָלק
האָבן מיך געבעטן,
איך זאָל טראָגן פאַר זיי
זייער וואונדערלעכע יחוס־פאָן.
מיך האָבן די פיל פעלקערדיקע
און אַל־לענדישע בויער־מויערער, —
שוסטער, שניידער, שערער, לערער,
גרובן־גרעבער, זיידן־וועבער,
וואַסער־פירער און גאָרטן־צירער, —
ניט אָנגעשטעלט אויפצומאָנען די חלקים,
וואָס זיי האָבן אַריינגעלייגט ביי דיר.
מיך האָט קיינער נישט באַצוואונגען,
אַז דאָס ליד, וואָס איך טו זינגען,
זאָל זיין נאָר אַ לויב צו דיר.

אַמעריקע!
דו האָסט מיט וואָס זיך צו באַרימען, —
און איך וועל זיך מיט דעם באַרימען;
דו האָסט מיט וואָס זיך צו שעמען, —
און איך וועל זיך מיט דעם שעמען.
איך האָב ניט אומזיסט דיר אָפּגעגעבן
פינף־און־דרייסיק פון מיינע יאָר.

אַמעריקע,
דאָס נייע יאָר האָט זיך שוין אַוועקגעשטעלט
ביי דיינע פענצטער און ביי דיינע טירן,
דיינע מיליאָנענדיקע מאַסן
אין דיינע שטאָטישע גאַסן
האָבן שוין אויסגעטאָן די פּאַפּירענע קרוינען,
זיך אומגעקערט צו זיך, אַוואו זיי וואוינען
און חלומען פון דיר.
זיי חלומען פון זייער לאַנד — דאָס רייכסטע,
דאָס שענסטע, בעסטע
און באַרימטסטע אויף דער גאַנצער וועלט.
זיי חלומען פון גאָלדענע טייכן,
פון בריליאַנטן־גלאַנצנדיקע שליאַכן,
פון פּערלמוטער־שיפן,
פון גרויסע אוצרות, וואָס ליגן נאָך אין טיפן.
זיי חלומען, אַז פון פייגל האָבן זיי געמאַכט עראָפּלאַנען,
אַז פון פיש האָבן זיי געמאַכט באַנען,
אַז די זון אין הימל באַלאַנגט צו זיי.

אַמעריקע,
איצט גליט שוין דער הימל
מיטן מאָרגן, מיט קאַיאָר.
און וואָס איך טראַכט
איז פּשוט און קלאָר:
די, וואָס האָבן דיך אין וויקעלעך געוויקלט,
די, וואָס האָבן דיך צו דיין וואוקס דערפירט —
דזשעפערסאָן און לינקאָלן,
גאַריסאָן און וויטמאַן,
וואַשינגטאָן און פרענקלין,
דאָגלאַס און רוזוועלט,
ווענדל פיליפּס און דזשאָן בראַון, —
מיט זיי אין נייעם יאָר איך שפּאַן.

## מערי אַנדריוס

(אַ לעגענדע פון קייפּ־אַן)

אַמאָל האָט דאָ געוואוינט דער הימל,
מיט ים, מיט וואַלד, מיט באַרג פון שטיין,
אַמאָל, אַמאָל, נאָך איידער מערי אַנדריוס
האָט זיך אויסגעלערנט אויף אייגענע פיס אַרומצוגיין.

אַז ס׳האָט געלעבט דאָ מערי אַנדריוס
איז פאַרשריבן אין ביכער
און איינגעקריצט אין שטיין.

געוואוינט האָט מערי אַנדריוס
אין איר טאַטנס ווילדע גיטער
און געשפּילט זיך
אונטער דעם הויכן טענענבוים.

ניינצן יאָר איז מערי דאָ געוואַקסן,
מיט די גראָזן, מיט די ביימער,
מיט די אָקסן, מיט די שטיינער,
מיט דעם חלום,
אַז איר חתן
קומען וועט צו איר פון ים.

---

קייפּ־אַן איז אַ קליינער האַלב־אינדזל ביים אַטלאַנטישן ים אין מאַסאַטשוזעטס שטאַט. ביים ברעג געפינט זיך אַ גרויסער שטיין אין אָנדענק פון מערי אַנדריוס, וואָס רופט זיך „אַנדריוס פּאָינט״.

אַלע יאָר זײַנען שיפֿן אַהער געשוואומען,
פֿון אַלע װעלטן מענטשן זײַנען אַהער געקומען,
און מערים חלום האָט געבלאַנדזשעט —
ווי די זון.

יונגען האָבן אין וואַלד ביימער אויסגעשניטן,
פֿון די בערג האָבן זיי אָפּגעהאַקט שטיינער־פּליטן,
און מערים שיינקייט אַלע האָבן געגאַרט.

דער האָט מערין צוגעזאָגט אַ מויער
פֿון די זעלטענע גראַניטן,
דער האָט פֿאַר איר פֿון די שטאַרקסטע האָלצן
פֿייגל און מלאכים אויסגעשניטן;
דער האָט פֿאַר איר
באַגראָבענע פּיראַטן־מאַיאָנטקעס אויסגעקלערט, —
נאָר מערים חלום האָט אַלעמען געשטערט.

זײַנען זיבן יאָר ווידער אָפּגעלאָפֿן
און מערים חלום־וואונדער האָט זיך דאָ געטראָפֿן:
אַלע טעג קומען דאָ פֿון ים און זעצן זיך אויס
אויף די שטיינערנע פּליטן, —
מערים באַשערטער טאָג
איז אויף שטורעם־כוואַליעס אָנגעריטן.

און אויב מערי האָט געחלומט אַלע אירע יאָרן,
אַז פֿון ים וועט קומען איר חתן, —
האָט אין יענעם טאָג איר שפּאַציר
פֿון וואַלד צום ים
זי ניט פֿאַרדראָסן.

אויף אַ פלאַכן שטיין,
פון כוואַליעס און פון ווינטן אויסגעריבן,
איז — ניט קיין פיש, ניט קיין חיה, —
נאָר אַ מענטש שטיל געלעגן.

מערים האַרץ האָט זיך צעציטערט,
מערים קול האָט זיך אויף שטיינער און אויף וואַלד צעשפּליטערט,—
און ס'האָט זיך אויפגעוועקט דער מענטש.

מערי האָט אים אויף אירע הענט אַהיימגעטראָגן,
אין אַלערליי קרייטעכצער געוואַשן און געבאָדן,
און דערציילט אים פון איר אויסגעחלומט גליק.
— — — — — — — — — — — — — —

איצט ליגט דאָ אַ שטיין,
צווישן שטיינער איינגעגראָבן,
מערים און איר מאַנס נאָמען
טוט ער אויף זיך טראָגן.

# ראַקפּאָרט קעיפּ־אַן

## I

ס'איז דאָ אַלץ פאַרשריבן אין די ביכער
און אין גאַסן אויף אייזערנע פלאַקאַטן
אויפגעמאָלט:
דאָ האָט דזשאָשוּאַ נאָרוואוד דאָס ערשטע שטעגל אויסגעטראָטן,
דאָ האָט דזשאָן פאָל דאָס ערשטע שטיבל אויפגעשטעלט,
דאָ האָט וויליאַם הענדרוס דעם ערשטן פויגל דערשאָסן,
דאָ האָט באָבסאָן באָבסאָן דאָס ערשטע געוועלבל אויפגעמאַכט.
אַמאָל, אַמאָל איז דאָס אַלץ געווען,
איצטער גיט מען עס אונדז ווי אַ שפּילכל,
מען פאַרקויפט עס אונדז,
ווי אויף יאַרידן בהמות, צאַצקעס און פערד.
ראַקפּאָרט איז אַזאַ מין שטעטל —
אויסגעבויגן ווי אַ זאָטל,
און אויפגעהאַנגען אויפן שטיינערנעם ברעג פון ים.

קומט אַמעריקע דאָ צו זען די שיינקייטן,
קומט אַמעריקע צו זוכן דאָ די קליינינקייטן.
איך זוך דאָ דעם האַרעפּאַשנעם מענטש;
איך זוך דאָ די הענט, וואָס האָבן
פאַרן ניו־יאָרקער עמפּייער סטעיט־מויער
די שיינע שטיינער אויסגעשניטן.
איך זוך דאָ די הענט,
וואָס האָבן הונדערט־פונטיקע פיש צו ברעגן געבראַכט.
איך זוך דאָ די הענט,
וואָס האָבן דאָ געשניטן גאַסן,
געבויט דאָ די הייזער,
וואָס האָבן פונעם ווילדן שטיקל ערד
אַ גאַנצע שטאָט געמאַכט.

## II

ראַקפֿעלער לעבט מיטן גרויסן יחוס, —
שטוב נאָך שטוב טראָגט אויף זיך דעם צייכן.
און כאָטש יענע יאָרן
זיינען פֿון ווינטן און פֿון כוואַליעס ווייט אין ים פֿאַרטראָגן,
שטייען דאָ אַרום אָט די שטיבער,
שטייען אויסגעהאַקטע שטיינער־גריבער —
און עדות זאָגן זיי און דערציילן:
דאָ האָט געטראַכט עמערסאָן,
דאָ האָט וויטיער לידער געשריבן
און וועבסטער ווערטער געקליבן,
דאָ האָט דהיינאַ באַלאַדן
פֿון זון און פֿון ים
אויסגעשפּינט, ווי געוועבן.
פֿון דאַנען האָט וויליאַם קאָלען ברייענט
זיינע געדאַנקען און חכמות
מיט ווינטן איבער אַמעריקע צעטריבן.

ראַקפֿעלער לעבט מיטן גרויסן יחוס.
אַלע צייכנס, אַלע פֿאַרשריבענע לעגענדעס
נעם איך מיט מיט זיך,
ווי אין מיין קינדהייט איך האָב מיטגענומען
די געשיכטן פֿון מיינע אָבות.

# פרילינג־טעג

יונגע, גרינע פרילינג־טעג
קומען אונדז אַנטקעגן.
אַמעריקע!
בענטשן וויל איך אַלע די,
וואָס ווינטשן דיר גליק און פרידן.
בענטשן וויל איך די ערד אונטער דיר,
בענטשן וויל איך די ליבע,
וואָס איז אַנגעוואַקסן אין מיר.
בענטשן וויל איך דיינע אבותדיקע פירער,
בענטשן די פאַרמאַזאָליעטע הענט,
וואָס פוצן־אויס דיינע הויכמויערישע ווענט.
בענטשן וויל איך דיין אויף אייביק לעבעדיקן וואָלט וויטמאַן
פאַר זיינע לידער.
בענטשן וויל איך דעם עפּל־ און דעם באַרן־בוים,
וואָס וועלן זיך באַלד צעבליען.
בענטשן וויל איך די שלום־טראָגנדיקע טויבן,
וואָס וועלן איבער דיינע גאַסן אַרומפליען.
בענטשן וויל איך אַלע די,
וואָס ליבע פאַר זייער רעכט
אין זייערע אויגן גליט.

יונגע, גרינע פרילינג־טעג
קומען אונדז אַנטקעגן.
אַמעריקע!
צו־לאַנג האָב איך געשוויגן.
צו־לאַנג האָב איך געוואַרט
און געטראָגן דעם ווינטער אין מיין האַרצן,
צו־לאַנג האָב איך זיך ניט איינגעשטעלט
פאַר דיינע זין און טעכטער,
געבוירענע אין אַ הויט אַ שוואַרצער.

צו־לאַנג האָב איך געטראַכט, אַז דו וועסט
אַן דזשעפערסאָנען זיך דערמאָנען,
צו־לאַנג האָב איך געמיינט,
אַז לינקאָלן און עמערסאָן,
אַז פּעטריק הענרי און יודזשין דעבס,
אַז דאָגלאַס און דזשאָן בראַון
זיינען דיינע צעווייעטע פאָנען.

צו־לאַנג האָב איך זיך אָפּגענאַרט
מיט דעם שיינעם חלום,
אַז דו וועסט דערזען
ווער ס׳גרייט פאַר דיר אַ תליה און אַ קייט,
און ווער ס׳ווינטשט דיר
פרייד און שלום.

יונגע, גרינע פרילינג־טעג
קומען אונדז אַנטקעגן.
אַמעריקע!
איך וויל פאַרן מענטשלעכן געוויסן
דיך אָנקלאָגן.

איך קלאָג דיך אָן פאַר באַרויבן
פון נעגערס זייערע גלייכע רעכט
אויף לעבן און אויף פרייד.
איך קלאָג דיך אָן פאַר באַצווינגען
דיינע קינסטלער און פּאָעטן,
דיינע דענקער, לערער און לעקטאָרן
זיי זאָלן אָן אונדז פעלשן, אָפּנאַרן.
איך קלאָג דיך אָן
פאַר טרעטן אויף מענטשלעכע געזעצן!

יונגע, גרינע פרילינג-טעג
קומען אונדז אַנטקעגן.
אַמעריקע!
דיינע איצטיקע טעג —
וואָס וועלן זיי דיינע אייניקלעך זאָגן?

דזשעפערסאָן
האָט מאָנטיטשעלאָ דיר געגעבן;
וואַשינגטאָן
איז ביז היינטיקן טאָג אין מאונט וואָירנאָן געבליבן;
לינקאָלן
געטיסבורג אויף פּאַרמענט האָט פאַרשריבן;
רוזוועלט
היט-אָפּ אין האַיד-פּאַרק דיינע אידעאַלן —
און די יורשים זייערע, וואָס פירן איצט דיין לאַנד,
ווילן מיט אַטאָם-באָמבעס אויסברענען
אַט-די טייערסטע קוואַלן.

בענדזשאַמין פרענקלין און אַדאַמס
האָבן איבער ים דיין מאָראַל און דיין געוויסן
צו פרעמדע לענדער געפירט —

און די יורשים זייערע,
וואָס פירן איצט דיין לאַנד,
פאַר פרעמדע לענדער אומגליקן גרייטן.

יונגע, גרינע פרילינג־טעג
קומען אונדז אַנטקעגן.
אַמעריקע!
איך וואָרן דיך,
דו זאָלסט זיך איצט פאַרקלערן:
ווער האָט דיך אויף וואונדער אויפגעשטעלט?
ווער האָט דיך גרוים און שטאָלץ געמאַכט אויף דער וועלט?
ווער האָט דיך גערייניקט און געציכטיקט?
ווער האָט דיך געבויט, געפורעמט און געפלאַנט?
ווער האָט דיר דעם פאַקל פון פרייהייט
געגעבן אין דיין האַנט?!

# דאָס אינדזל נאַנטאָקעט

I

עס וואָלט די מעשה לאַנג זיך פאַרצויגן, —
ס'איז מײַלן ווײַט, ווען אַ פויגל וואָלט אַהער געפלויגן.

אַרום און אַרום מיט ים אַרומגעגאָסן,
פון דער וועלט, פון ערדן אָפּגעשלאָסן.

אַ גרויס־בריטאַנער לאָרד האָט אויף ים פּיראַטן געזוכט,
האָבן ווינטן אים אַהער צום ברעג פאַרפירט.

דער גרויסער לאָרד איז געווען מיד,
און מיד זײַנען געווען זײַנע אויגן,
האָט ער באַפוילן,
די זעגלען פון זײַן שיף זאָלן ווערן אַראָפּגעבויגן.

איז פון דעמאָלט אָן האָט זיך דאָ אַ וועלט געקערט —
ווער עס איז געבליבן לעבן,
און וועמען ס'איז דער טויט געווען באַשערט.

דער גרויסער לאָרד האָט זיך מיט אינדיאַנער געדונגען,
פאַר ערד און זאַמדיקע ברעגן געצאָלט האָט ער
מיט צאַצקעס און בלעכענע רינגען.

II

אויף הונדערט־יעריקע שטיבער, אויף אויפגעמאָלטע בילדער,
אין בײַנער פון וואַל־פיש, אין פאַרזשאַווערטע אַנקערס
ליגט די געשיכטע פון דיר, נאַנטאַקעט,
וואונדער אין דער מיט פון ים.

ווי אַן אויסגעבויגענעם האָרן, מיט זאַמדן און ווילדן דאָרן,
האָבן דיך מענטשן מיט לאַנגע יאָרן צוריק דערזען.

דערזען דיך, ווי אַ ליכט אין די אויגן,
ווי אויפן הימל אַ רעגנבויגן.
קלאַנגען זיינען זיך איבער ימען צעפלויגן,
און שיפן האָב זיך צו דיר געצויגן.

עס זיינען געקומען צו דיר גרויס־בריטאַנער,
עס זיינען געקומען צו דיר פראַנצויזן,
האָלענדער, פלעמער און שפּאַניער, —
און אַ וועלט פון פאַרלאַנגען
האָט זיך צעשפּילט איבער דיר.

III

אַ הונדערט לאַנגע יאָר
האָבן האַרט־ביינערדיקע מענער געזעגלט שיפן,
געקאָוועט אייזערנע האָקנס און געיאָגט זיך אויף ים
נאָך וואַל־פישן.

אַ הונדערט לאַנגע יאָר
האָבן דאַר־פּנימדיקע ווייבער געצונדן ליכט אין פענצטער,
געזעסן אויף די דאַך־שטולן און געוואַרט אויף שיפן און מענער,
וואָס וועלן זיך אומקערן צוריק.

אַ הונדערט לאַנג יאָר
האָבן ווינטן פון ים זיך אַריינגעריסן,
ווילד איבערן שטיקל ערד זיך אַרומגעדרייט,
אָפּגעמעקט אַ גאָרטן, אומגעבראַכט באָרטן,
מיטגענומען עמעצנס אַ שטיבל —
און צוריק אין ים זיך פאַרדרייט.

אַ הונדערט לאַנגע יאָר
האָבן די קאַפּינס, די סטאַרבאַקס, די פּאַלגערס און מיטשעלס
מיט פאַרשלאָגענע קאַסטנס גאָלדענע רענדלעך,
מיט ווייסע פּאַלאַצן און בריטאַנישע פּענדלעך,
מיט מיסטעריעזע לעגענדעס
אַרומגעוויקלט דיך.

IV

דער הימל וואוינט דאָ ביים ברעג פון ים,
און טאָג און נאַכט שפּיגלט ער זיך אין וואַסער.
איך בין אַ גאַסט נאָר דאָ.
מיט געציילטע מינוטן, מיט געציילטער שעה
מיין אייגן לעבן ווערט דאָ בלאַסער.

וויפל יאָרן, וויפל אָנגעלאָפענע באַגערן
האָבן זיך אויף דעם שפּיצעדיקן שטיקל ערד אַרומגעטראָגן?
וויפל קאַפּינס, וויפל פּאַלגערס,
וויפל מיטשעלס, וואָס זיינען נאָך דאָ,
קאָנען מיר דאָס זאָגן?

די אַלטע מיל, די דעכער־שטול
דערציילן פון אַמאָל,
וואָס דאָ האָט זיך פאַרלאָפן.
די איצטיקע מי, די איצטיקע רו
איז פאַר געסט, ווי איך און דו,
וואָס האָבן זיך דאָ אויף דעם אינדזל געטראָפן.

## פון קאָראָסטישעוו ביז אַמעריקע

דער פויגל פליט
און פאַרלאָזט זיך אויף זיינע אויגן,
דער פאַרשער זוכט
און פאַרלאָזט זיך אויף זיין גלויבן, —
איך גיי אַרום און קלייב־אויף דיינע שיינקייטן,
פאַרשאָטענע אין שטויבן.

אַמעריקע־לאַנד,
איך מוז דיר דאָס דערציילן:
געבוירן האָט מיין מאַמע מיך ניט דאָ —
אין מעין, אין ווירדזשיניע, צי אין קענטאַקי,
געוואַקסן בין איך ניט אין ניו־יאָרק,
אין שיקאַגע, צי אין מילוואָקי.

געבוירן האָט מיין מאַמע מיך אין אַ שטעטעלע,
וואָס דו האָסט ניט געוואוסט
און קיינמאָל ניט געזען עס אויף אַ געאָגראַפישער מאַפּע;
געוואַקסן בין איך אויף רוסישער ערד,
אין אַ שטעטעלע — די גרויס,
ווי דיין „קאָר־באָקס" שליאַפּע.

ניט געחלומט איך האָב אין מיינע יונגע יאָרן —
ווען איך האָב אין טעטערעוו-טייך
זיך דאָן געבאָדן;
ניט געטראַכט איך האָב אין מיינע קינדערשע טעג —
ווען איך האָב עפּל און בארן גענבעט
אין קאַראַסטישעווער סאָדן, —
אַז דזשעפערסאָן און לינקאָלן,
אַז בעניקאַר און וויטמאַן
האָבן דיך מיט שיינקייטן באַלאָדן.

ניט געוווּסט האָב איך אין שטעטעלע
אין יענע מיינע יאָרן,
אַז ווייַן ווערט אַרויסגעפּרעסט פון טרויבן,
אַז פרידן ליגט אין די אויגן פון טויבן,
אַז גראָזן וואַקסן אומעטום אויף דער ערד,
אַז האַס, אַז פּיינטשאַפט איז שאַרף, ווי אַ שווערד.

ניט געזען איך האָב אין שטעטעלע —
ווייט פון דיר, אויף אוקראַינישע פעלדער, —
דיינע אויסגעוואַקסענע שטעט, געדיכט ווי וועלדער,
דיינע ברייט- און ווייט-צעגאָסענע טייכן,
דיינע שטאָלענע בריקן, דיינע מיילן-לאַנגע אַספאַלט-שליאַכן.

ניט געהערט האָב איך, יידיש יינגל,
לויפנדיק איבער שטעטעלע אין בלאָטע,
ווי טייער דו האָסט באַצאָלט פאַר דיין באַפרייען זיך
פון הערשער און דעספּאָטן.

ניט פאַרשטאַנען איך האָב,
רייסנדיק פון ביימער די ווינשל, זים און רויט,
וואָס ס׳האָט געמיינט דיין פּעטריק הענרים אויסרוף:
„גיב מיר פרייהייט, אָדער
גיב מיר טויט!״

ניט געגלויבט האָב איך, אַז שיפן
קאָנען איבערשווימען ימען,
אַז אַן פערד ס'לויפן איבער דער וועלט
באַנען.

אַז צו דיר איז פון פראַנקרייך
לאַפּאַיעט געקומען,
אַז פון פּוילן קאָשטשושקאָ
האָט דיין נויט פאַרנומען,
אַז דער ייד חיים סאַלאָמאָן
האָט זיין פאַרמעגן דיר אָפּגעגעבן,
אַז דער ענגלענדער טאָם פּעין
האָט אויפרופן פאַר דיר געשריבן —
אַז וואַשינגטאָן און פּאָול רעוויר
זאָלן אויף אייביק, וויביימער בליען.

אַמעריקע-לאַנד!
דאָס שטעטעלע,
וואו מיין מאַמע האָט מיך געבוירן,
איז ווייט און שיין
ווי אַ לעגענדע געבליבן.

און איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן —
אַז ניט ווי קיין שטורעם-ווינט
האָב איך זיך צו דיר אַריינגעריסן, —
און דערפאַר, וואָס מיין מאַמע
האָט מיך דאָ ניט געבוירן,
טראָג איך ניט קיין שולד
אויף מיין געוויסן.

## ניו־העמשיר נאָוועלע

I

אַמעליאַ קריין
האָט דאָס ווייץ און דעם קאָרן
געמאָלן אויף שטיין.

אַמעליאַ קריין
איז אַהער געקומען
נאָך איידער זי האָט געקאָנט אויף אייגענע פיס אַרומגיין.

אַמעליאַ קריין
איז געקומען אַהער מיט אירע בלויע אויגן,
מיט קאַסטנס, מיט פעק, מיט שטריק, מיט העק
און מיט איר טאַטנס פייל־און־בויגן.

אַמעליאַ קריין
האָט דאַ ניינציק זומערן
אויף אירע גלידער אויסגעהאַלטן,
און ניינציק ווינטערן
אַוועקגעטריבן דעם שניי און די קעלטן.

אַמעליאַ קריין
האָט מיליאָנען מאָל זיך איבערן שטיין געבויגן,
ביז איר אייגן לעבן איז פון איר אַוועקגעפלויגן.

אַמעליאַ קריין
האָט איבערגעלאָזט דעם שטיין,
האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך זין און טעכטער,
פאַרוואַקסענע, ווי וואָרצלען פון אַ בוים.

און וויפל יאָרן זיינען דאָ פאַרלאָפן,
און וויפל ווינטן עם האָבן זיך דאָ געטראָפן —
וועלדער האָבן זיך אויף פעלדער אויסגעביטן,
טייכן האָבן זיך אין שטיינער אויסגעשניטן,
שטערן זיינען דאָ פון הימל אַראָפּגעפאַלן,
און בערג האָבן זיך צעעפנט פאַר וואַסער־קוואַלן;
הירשן האָבן זייערע היימען אָפּגעטראָטן,
פוקסן האָבן זייערע נאָרעס פאַרשאָטן,
פויגלען זיינען אין ווייטן אַוועקגעפלויגן,
און מוראַשקעס האָבן זיך איבער דער ערד אין מחנות געצויגן.

אַמעליאַ קריין
האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט דעם שטיין,
און אַ ווייסער בערעזע־בוים
באַצייכנט איר געביין.

II

נאַהאָמע קריין,
ווען זי האָט אבענער בליין
פאַר אַ מאַן גענומען,
איז זי צו אים מיט דער ירושה געקומען:
אַ אָפּגעפאַרבטע ווייסע שטוב,
אַ ברונעם מיט וואַסער,
צוועלףביימער אויף אייביק גרין,
צוויי פערד מיטן געשפאַן,
אַן אָקס, אַ קו,
פיר רעדער פאַר אַ וואָגן
און אַ בלייענע פאַן.

נאָהאָמע בליין
איז שוין דאָ אַ היימישע געווען.

ווען מען האָט אויסגעהאַקט די וועלדער,
ווען מען האָט צעמאָסטן פעלדער —
אַליין מיט אירע אויגן האָט זי ניט געזען.

נאָהאָמע בליין
האָט דאָ די ערד געטראָפן,
ווען שווערע אַרבעטן געקאָנט האָט מען איינשפּאָרן.
ווען די חיות און די פויגלען
זיינען פון דאַנען לאַנג אַנטלאָפן,
וועגענער זיינען איבער שליאַכן אומגעפאָרן,
דאָס ווייץ און קאָרן האָט מען שוין אין מיל אָפּגעמאָלן,
רויך פון באַנען האָבן געצויגן זיך דורך טאָלן.

נאָהאָמע בליין
האָט געלעבט דאָ זיבער און שיין:
געבוירן אירע קינדער, געהאַלטן די שטוב אירע ריין,
געוואַסערט די בייטן, פאַרזעצט קוויטן,
געהאָדעוועט די גענדז און די הינער,
אויפגעשאַרט די בלעטער און אויפגעקליבן די שפּענער,
אויפגענייט העמדער פאַר קינד און פאַר מאַן,
געמאָלקן די מילך פון בהמה
און אויסגעפּרעגלט פלוימען און ווײַנשל
אין דער בלייענער פאַן.

נאָהאָמע בליין
נאָך זיבעציק יאָר
האָט זיך אויסגענוצט ווי אַ שטיין,
און אויף אַ אייביק-גרין-בוים
באַצייכנט איר געביין.

III

װען אַמאַנדע בלײַן
האָט פֿאַרלאָזט די ערד,
האָט זי איבערגעלאָזט די בערעזע און שטײַן
און אויף אײביק־גרין־בוים —
די צײכנס פֿון באָבעס און מאַמעס געבײן.

פֿאַרלאָזן בײַ די פֿענצטער די קװײטן,
פֿאַרלאָזן אין גאָרטן די בײטן,
פֿאַרלאָזן די בלויע װעלדער,
פֿאַרלאָזן די גרינע פֿעלדער,
פֿאַרלאָזן די װײסע שטוב,
פֿאַרלאָזן איר אײגענע װיג — — —

אַמאַנדע בלײַן
האָט איבערגעלאָזט איר יחוס, —
איר געשיכטע, װאָס איז דאָ
אײנגעקריצט אין שטײנער —
געבליבענע לוחות.

## דיין דאַנקבאַרער טאָג

פוסט די ביימער זיינען,
הויל און נאַקעט
איצט ביי אונדז אין לאַנד.
אַלע פּרוכטן,
אַלץ, וואָס ס'האָט אַ גאַנצן זומער אָנגעוואַקסן,
צונויפגעזאַמלט האָסטו, אַמעריקע,
מיט דיין האַנט.
מיט דיין האַנט דו האָסט אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן,
אָפּגעציילט און אויסגעטיילט
און אויסגערעכנט די קאָסטן.
די קאָסטן אָפּגעשאַצט
און אין ביכער זיי פאַרשריבן,
און היינט איז דער טאָג,
ווען דיין דאַנקבאַרקייט וועסטו אָפּגעבן.

איז גיב מיר אָפּ די שיינע פרייד
פון גרינעם בוים,
דעם זיסן זאַפט פון ווײַנשל, פון באַר,
פון ווייַנטרויב און פון פלוים.

איז גיב מיר אָפּ די רואיק־שלאָפנדיקע נאַכט,
די פרייהייט פאַר מיין לעבן
און די רעכט פאַר מיינע געדאַנקען,
וואָס איך טראַכט.
איז גיב מיר אָפּ
וואָס דזשעפערסאָן האָט אָנגעקליבן,
איז גיב מיר אָפּ
וואָס ס׳איז פון לינקאָלן איבערגעבליבן.
איז גיב מיר אָפּ די הערלעכע צוואה,
וואָס וואַשינגטאָן און פרענקלין,
אַדאַמס און לי
האָבן אונטערגעשריבן.
איז גיב מיר אָפּ די וואַסערן פון טייכן,
די קלאָרע הימלען און די אָפענע שליאַכן.
גיב מיר אָפּ דעם אינדיאַנערס
פאַר דיר אָנגעצייכנטע שפּורן.
גיב מיר אָפּ פון די פעלקער,
וואָס לעבן מיט דיר,
זייערע פיל־קאָלירנדיקע מאַניערן.
גיב מיר אָפּ דעם נעגער־פאָלקס האַרציקע געזאַנגען,
גיב מיר אָפּ זיינע מענטש־ווירדיקע פאַרלאַנגען.
גיב מיר אָפּ די באַנען, די שיפן און די זאַלן,
וואו דאָס געלעכטער, וואָס ער פאַרמאָגט,
זאָל שטראָמען, ווי וואַסער פון קוואַלן.
גיב מיר אָפּ די זיכערקייט
פון זיינע טריט,
אַז אומגיין זאָל ער איבער דיינע גאַסן און שטעט
מיט ליבע און מיט גלויבן.

גיב מיר אָפּ דעם יידנס אויסגעבענקטן חלום,
אַז דעם לאַנגן וועג פון וואַנדערן ער זאָל פאַרשפּאָרן.

גיב מיר אָפּ זיינע פֿאָלקס־מתּנות,
וואָס פֿון אַלע עקן וועלט
ער האָט דיר געבראַכט.

גיב מיר אָפּ דעם מאָרגנדיקן
מאָרגן,
וואָס פּיקט זיך אױן העלט;
גיב מיר אָפּ
דעם געגאַרטן שלום
פֿאַר דער וועלט!

## 1776—1952

ס׳בליִען איצט ביי אונדז דיביימער,
און יונגע פרילינג-טעג צעוואַקסן זיך
אויף שריט און טריט.
הימלען, ווי זילבערנע שפּיגלען
אויף אונדזערע שטעט זיינען צעהאַנגען,
און די ערד לעבט אַצינד אין פולער פרייד.

אַמעריקע,
איך וועל אויף אַלע דיינע טעלעפאָנען
דיר אָנקלינגען,
אויף אַלע דיינע ראַדיאָ-טראַנספאָרמען
דיר זינגען,
אויף אַלע דיינע טעלעוויזיעס,
אויף אַלע דיינע שיפן שאַלן,
אויף אַלע דיינע באַן-פייף-סיגנאַלן
אָנזאָגן דיר,
ווי טייער דו ביזט מיר.

טייער איז מיר יעדע קאָנטור
פון דיין שטאָטישן מויער,
טייער איז מיר יעדעם קליין שטיבל,
וואו עס לעבט דיין דאָרפישער פויער,
טייער איז מיר דער האָדסאָן-טייך,
וואָס שווימט פאַרביי מיין טיר,
טייער איז מיר יעדער וואַסער-שטראָם,
וואָס שווימט טויזנטער מיילן ווייט פון מיר.

אַמעריקע,
איך וויל פאַר דיר ניט רימען זיך,
ווי אַ סאַנטשאָ פּאַנטשע,
און אויך ניט, ווי אַ דאָן קיכאָט.
איך וויל דיר נאָר דערקלערן,
ווי אין מיר איז איינגעוואָרצלט,
איינגעוואַקסן
דיינע אורעלטערנס היסטאָרישער געבאָט,
וואָס אויף פּאַרמענטן פאַרשריבן,
ליגט אויפגעמאַכט פאַר מיינע אויגן,
און אין יעדן אות, און אין יעדן וואָרט
איז איינגעקריצט מיין אייגענער גלויבן.

וואַלי פאָרדזש, באַנקער הילל,
לעקסינגטאָן און קאָנקאָרד,
וואַשינגטאָן און פרענקלין,
דזשעפערסאָן און לי,
סעמיועל אַדאַמס און טאָמאַס פּעין
פון דיין רעכט און דיין פרייהייט
דענקען.

די ביימער בליען איצט אויף דיין ערד דער שיינער,
אויסגעשפּרייט פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק-ים —
דערמאָנען וועסטו זיך אין גיכע טעג
צו ברענגען קראַנצן אויף די קברים,
וואו דיינע אבות רוען.
דערמאָנען וועסטו זיך
דעם פערטן טאָג אין יולי,
אַז דיין לאַנד איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק
און פריי — — —

אַמעריקע,
צו רעכט און פרייהייט
ס׳האָבן אויך געבענקט מיינע קינדערשע יאָרן,
און צו לעבן מיט רעכט און אין פרייהייט
בין איך צו דיר איבער ימים געפאָרן.

אין זיבעצן-זעקס-און-זיבעציק
האָט טאָמאָס פעין, דער גרויס-בריטאַנער,
צעוויגט דיך, ווי ווינטיקע פליגלען:
„פרייהייט וואַנדערט-אום איבער קיילעכדיקער ערד״
און זוכט אַ פּלאַץ, וואו זיך צו צעבליען.
אָ, אַמעריקע,
אַמעריקע,
נעם-אויף דעם וואַנדערער
און גיב אים רעכט אויף לעבן
און אויף רוען.

אין זיבעצן-זעקס-און-זיבעציק
דזשעפערסאָנס האַנט האָט ציטערדיק פאַרשריבן:
„מיר האַלטן, אַז די אמתן
זיינען גענוג פאַרשטענדלעך,
אַז אַלע מענטשן ווערן גלייך געבוירן״
און זיינען באַשענקט אין זייער געבורט
מיט דויערהאַפטן, אומצעשיידבאַרן רעכט
אויף לעבן, פרייהייט
און שטרעבונג צו גליק.

אין זיבעצן-זעקס-און-זיבעציק
מיין שטאַם האָט ערגעץ-וואו אויף דער ערד געוואָרט,
און מיט בענקשאַפט און ליבע וועגן דיר געטראַכט.

און איצט,
אין ניינצן־צוויי־און־פופציק,
אין פרילינג־טעג, אין יונגע טעג,
אין בליענדיקע טעג,
איך לעב מיט דיר און זינג צו דיר
די עכאָס פון יענע ווייטע יאָרן.
אַמעריקע,
אַמעריקע!
דערמאָן זיך נאָר
אין די ירושות פון די,
וואָס האָבן דיך געבוירן.

## טאָמאַס דזשעפערסאָן

טאָג און נאַכט —
ס'וויגן זיך די וואַסערן אויף ימען,
איבער אַלע ערדן דער הימל שפּרייט זיך אוים.
וויפל מאָל האָט זיך אַ מענטש באַוויזן,
וואָס זאָל בלייבן לעבן אייביק
אויף דער וועלט?

אַמאָל, אַמאָל איז משה אויפגעקומען
און האָט אַ פאָלק פון יידן נאָכגעפירט
נאָך זיך.

אַמאָל, אַמאָל האָט קריסטוס זיך ערגעץ באַוויזן,
און מיליאָנען זוכן אים
נאָך ביז היינט אַרום.

אַמאָל, אַמאָל האָט ישעיה,
אַריסטאָטל און האָמער,
בר כוכבא, שפּינאָזאַ און מארקס
אָנגעצייכנט פאַר אונדז אַ וועג.

אַמאָל, אַמאָל
האָט אַמעריקעס ווירדזשיניע אונדז געגעבן
טאָמאַס דזשעפערסאָנען,
וואָס וועט בלייבן לעבן
אויף אייביק, ווי די זון.

***

מרגלים קומען דאָ אהער, טאָג נאָך טאָג,
קומען שוין פאַר יאָרן און יאָרן.
זיי קומען פון דעם גאַנצן לאַנד,
אויך פון ווייטע לענדער
קומען זיי צופאָרן.
ס'קומט דער יענקי פון ניי־ענגלאַנד,
ס'קומט דער סאָוטערנער ברוגזער פלאַנטאַטאָר.
ס'קומט יונגוואַרג
מיט געשיכטע־ביכער אין זייערע הענט.
ס'קומען באַלמעלאָכעס
און טאַפּן אַרום די ווענט.
ס'קומען פאָרשער און גריבלען זיך און זוכן, —
ווער נאָך איז צו דזשעפערסאָנען געגליכן?

ס'קומען לערער און פאַרטראַכטן זיך:
ווי אַזוי זאָלן זיי זייערע תּלמידים זאָגן,
אַז דאָ,
אין מאָונטיטשעלאָ,
אַמעריקעס געוויסן ליגט באַגראָבן.

***

„אונדזערע קינדער וועלן אַזוי קלוג זיין,
ווי מיר זיינען קלוג,
און וועלן פאַרווירקלעכן
אין גאַנג פון צייט
די זאַכן, וואָס זיינען נאָך ניט צייטיק
צו פאַרווירקלעכט ווערן" —
אַזוי האָט דזשעפערסאָן געזאָגט.

און נאָך ווייטע און לאַנגע יאָרן,
אויפצומאָנען אַט־די קלוגע רייד,
ווירדזשיניע,
מיר קומען איצט צו דיר צופאָרן.

„איך קאָן אַמאָל זיך טועה זיין
אין מיין גלייכגעוויכט, —
אָבער קיינמאָל וועל איך ניט פאַרמינערן
דעם ווילן צו פאַרזיכערן די פרייהייט
פון די איינציקע אונטער אַלע אומשטענדן,
און צו פאַרמיידן, די וויינציקע צו געוועלטיקן
איבער דער מי פון די פילע" —
אַזוי האָט דזשעפערסאָן געזאָגט
אין ווייטע און לאַנגע יאָרן.

אַמעריקע, אַמעריקע!
וואו האָסטו
אַט־די קלוגע רייד
פאַרלאָרן?

„מיר מוזן האַלטן אין געדאַנק דעם פרינציפ,
אַז דער ווילן פון פילע
מוז ווערן דער ווילן פון וויינציקע,
און דער ווילן פון גערעכטיקייט
מוז זיין דער גערעכטער ווילן, —
דאָך האָבן די וויינציקע גלייכע רעכט,
און גלייכע געזעצן מוזן זייערע רעכטן אָפּהיטן,
און צו שטערן זיי אין זייערע רעכט
מיינט עס: זיי צו אונטערדריקן"...

אזוי האָט דזשעפערסאָן געזאָגט
אין ווייטע און לאַנגע יאָרן.

אַמעריקע, אַמעריקע!
איינצומאָנען אָט־די קלוגע רייד
זאָלסטו
דיינע טעג און נעכט
ניט שפּאָרן.